ב״ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משלי חכמה

## מאבי ממשלי משלים
## המגיד מדובנא

ויקרא

אידיש

**891**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס״א לפ״ק

ספר המשל ב

# משלי חכמה

להבין על ידם באורי

## חמשה חומשי תורה והפטרות

ולאלף דעת מוסר ומדות ויראת אלהים.

נלקטו מספר

## אהל יעקב, וקול יעקב


להרב המאה"ג, גאון הדרשנים, אבי ממשלי משלים בחכמה ומוסר, צדיק מושל בי"א

מוהר"ר יעקב מ"מ מדובנא זצ"ל.


---

אין דיזען ספר זיינען מלוקט זעהר וואונדערליכע פירושים אונ באורים אויף חמשה חומשי תורה אונ אויף אלע הפטרות, מיט זעהר קלוגע אונ וויטציגע משלים, וועלכע עס לערנען אונז מדות טובות, מוסר אונ דרך ארץ. אלעס העראוס גענומען פון דיא הייליגע ספרים אהל יעקב אונ קול יעקב פון דעם בעריהמטען דובנער מגיד זכר צדיק לברכה, אונ איבער זעטצט אין יידיש־דייטש.

נלקט ונעתק בשפת יהודית־אשכנזית במצות והוצאת המרפיסים.

---

נאכדרוק פערבאטען

---


# ווילנא

בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם

שנת תר"נ לפ"ק

---

ГАМЕШОЛИМЪ.

Притчи.

Съ Виленскаго изданія 1883 г. безъ измѣненій.

1890.

# פתיחה לספר ויקרא

פתיחה. אין דעם ענין פון די מצוה פון קרבנות אונ אלע איהרע דינים אונ די עבודה פון די כהנים אין בית המקדש וואס ווערט דא גירעט אין דעם דאזיגן ספר (דאס הייסט ספר תורת כהנים) איז רעכט צו בעטראכטן. ווען הקב"ה איז איין שלם בתכלית השלמות אונ אלע עולמות ציהען נור זייער השפעה פון זיין הייליגן נאמען אונ ער אליין איז זייער ווייט פון גשמיות אונ פון אלעם וואס עס איז שייך צו איין בשר ודם אם כן וויא אזו לאזט זיך גאר זאגין דאס הקב"ה נעמט צוא פון אונז מתנות. בהמות. עופות. מעהל. אונ וועלכי נוטצין קען זיין פון א קרבן פאר דעם זינדיגן מענטשן בפרט עס ווייזט אויס דאס די נביאים הקדושים האבן כמעט פון דעם ענין קרבנות גאר ווייניג גיהאלטין דען ירמיה זאגט כה אמר יי' וגו' עולותיכם ספו על זבחיכם ואכלו בשר כי לא דברתי את אבותיכם ולא צויתים ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על דברי עולה וזבח נאט האט אזו גיזאגט זייט בעסער מקריב אייערע קרבן עולות פאר שלמים אונ עסט מער פלייש (דען איין עולה מוז מען אין גאנצן פר ברענן אונ פון שלמים עסן די בעלים) דאס הייסט איך פר לאנג ניט אייערע קרבנות דען איך האב מיט אייערע עלטערין ניט אפ גירעט אונ זיי ניט גיבאטן ארויס גייענדיג פון מצרים וועגן קרבנות דאס זיי זאלן מקריב זיין קרבנות. ישעיה זאגט למה לי רוב זבחיכם יאמר יי' וגו' וואס דארף איך אייערע פיל אפפער זאגט גאט ב"ה. אסף זאגט אין תהלים לא על זבחיך אוכיחך וגו' לא אקח מביתך פר וגו' כי לי כל חיתו יער וגו' דאס הייסט השי"ת זאגט צוא ישראל איך שטראף דיר ניט וועגן דעם ענין פון קרבנות ברייגען. דען איך דארף ניט נעמען פון דיין הויז קיין רינד ווייל אלע חיות בהמות אונ עופות זיינען מיינע אונ פר קערט אבער די תורה הקדושה מאכט אגרויסן וועזן פון קרבנות ווי עס שטייט ניגוג אין דעם ספר. אום עטוואס צו ערקלערן דאס איז נייטיג צו ברייגען די רייד פון אטייל פון אונזערע הייליגע חכמים אונ גרויסע פילוסופים אין דעם ענין. אגב ווערט

שוין ווערן דר מיט פרשטענדליך די כוונת נ... בנין המקדש בכלל אונ די מצוה פון עולה לרגל זיין. אויך די מצוה מען זאל עסן דארטן דיא מעשרות. אונ אנטקעגן דעם גיפינן מיר דאס הקב"ה זאגט גאר אנדערש אין ישעיה כי תבאו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי דאס טייטש ווען איר קומט אין בית המקדש גיזעהן צו ווערן פר מיר ווער פאר לאנגט דאס גאר פון אייך איר זאלט טרעטן מיינע הייפן. אויך ווערט שוין ערקלערט ווערן די כוונה פון פאסטן דען עס איז קיין סברא דאס השי"ת וואס ער איז אטוב ומטיב זאל הנאה האבן פון דעם וואס אמענטש קוועלט זיך אין תענית. כדי מקרב אל השכל צוא זיין אזעלכע טיפע ענינים איז נויטווענדיג צו שרייבין א וועלטליכין משל. אקרעמר האט באטראכט דאס א גוויסר בעל הבית גיט אפט צו לייזן אין די קראמען רעכטע געלט אונ אים ניט. האט ער זיך זייער מתקנא גיווען. דרום האט ער גיזוכט מיט אלע התחכמות אמיטיל וויא אזו יענעם אריין צו קריגין צו זיך פר א קונד. אמאל איז ער פאר בייא גיגאנגען בעט ער אים אריין צו זיך אין קראם אונ זאגט צוא אים אזו. זאלסט וויסין זיין איך מיט דיין פאטר עליו השלום זיינען מיר גיוועזן די בעסטע גוטע פריינד. אונ מיר ביידע קענען זיך כמעט גאר ניט. דאהער וואלט איך וועלן דו זאלסט אויך אפט אריין קומען פאר ברייגען צוא מיר אין קראם. אונ מיר זאלין ווערן בעפריינדעט גלייך אז מיט דיין פאטער. דער בעל הבית האט אים פאר שפראכן אונ פלעגט טאקע קומען צו אים טאג טעגליך אונ אפ פלוידערין גאנצע צייטין. אונ האנדלען פלעגט ער דאך אנדערש וואו וויא פאר דעם. דאן איז דער קרעמער גיווארן מלא חמה אונ זאגט צו אים. פתי מיין גאנצר מיין איז גיוועזן אז דו זאלסט מיר געבין צו לייזן אונ איצונד אז דו ביסט אזו אשוטה אונ פר שטייסט נאך אלץ ניט דאהער פר לאנג איך שוין ניט מער דיינע פוסטע גאסט פריינדשאפט דען וואס נוצט מיר דיינע באלעמוצטווע ווען מיר קומט

ן דעם ניט ארויס קיין שום פראפיט. דער נמשל איז. אזו גוט וויא אין וועלטליכע זאכן גיפינט זיך ענינים וואס דער עיקר כוונה איז נור דאס וואס איך טוא. אויך איז דא אזעלכע זאכן וואס דאכט זיך איך. טוא דאס אונ דער מיין איז גאר דר עיקר איין אנדר אינטערעס. אונ דאס וואס מען טוט איז נאר אמיטל צוא קומען צום תכלית צוא דעם מכוון וואס מען מיינט. דאס גלייכן גיפינען מיר מצות וועלכע זיי גופא זיינען דר הויפט תכלית. למשל מצה. סוכה. לולב. אונ אטייל מצות איז פארהאנדן וועלכע דר מיין איז ניט זיי גופא נור ווייל זיי זיינען אסיבה צו אהבה ויראת שמים. צו דעם קלאס גיהערין דאס בנין פון בית המקדש. קרבנות. עולה רגל זיין. אונ תעניתים. וויא עס וועט ערקלערט ווערין. דער רמב"ם ז"ל שרייבט אזו אין זיין ספר מורה נבוכים מאמר ג' פרק ל"ב. פאר מתן תורה האבן די גאנצע וועלט גימיינט אז קיין היילגע עבודה הייסט זיך גאר ניט אן וואו מען איז ניט מקריב קיין קרבנות. אונ ווען אנביא פון הקב"ה וואלט קומען זאגן אז אריינע אמונה אין דעם בורא ית' אדער צו זיין ערליך אונ גוטס טאן לייטין איז פיל בעסר ביי הקב"ה אלס קרבנות. וואלט דער פראסטר המון אים גיוויס גיהאלטן פאר אפאלשין נביא אונ וואלטין דאך בריינגען קרבנות פר די עבודות זרות. דרום האט דר בורא יתברך גיהייסין דאס מען זאל טאקע בריינגען קרבנות אבער פון זיין נאמן וועגין. ממילא וועלן זיי זיך דר ווייטע אפ גיוואוינען פון די אונווירדיגע עבודות כוכבים ומזלות. די רייד זאגט רבי פינחס אין דעם נאמען פון רבי לוי אין מדרש ויקרא (פרשה כ"ב) מיט אמשל. ארוכם אזון איז גיוועזן איין גיוואוינט צו עסין נבלות וטריפות האט דער פאטר גיהייסין ער זאל אימר עסן אויף זיין טיש ממילא וועט ער זיך אליין אפ גיוואוינען. אזו די ישראל זיינען גיוועזן זייער באהעפט צו די קרבנות וואס זיי פלעגן בריינגען אין מצרים צו די געטצן וועלכע הייסן שעירים דרום האט הקב"ה גיזאגט זאלן זיי פר מיר מקריב זיין קרבנות אין אוהל מועד דאמיט וועלין זייא אפ גישייט ווערין פון די עבודות זרות. אונ אזו שרייבט דר פסוק אין אחרי ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים וגו' כלומר די קרבנות איז נור כדי זייא זאלין שוין ניט מער שעכטן פר די שעירים. נאר אויף דעם טעם איז דאך קשה קין הבל אונ נח הצדיק האבן דאך גיוויס קיין עבודה זרה חלילה ניט גידינט נוא וואורום האבן זייא מקריב גיוועזן קרבנות. דאהער שרייבט דער רמב"ם איין אנדר טעם ווייל איין עבירה ווערט גיטאן דורך מחשבה דבור ומעשה. דרום דארף מען בריינגן אקרבן אונ אן לעהנען זיך אונ זיך מתודה זיין אויף אים. דאס הייסט אויך בדבור ומעשה אונ פאר ברענגען די אינגעווייט מיט די נירן דאס זיינען די אברים וועלכע פון זייא נעמט זיך די תאוות אונ מחשבות. אונ שפריצן די בלוט אויפן מזבח אנטקעגן דעם נפש פון מענטשן. וויא עס שטייט כי הדם הוא הנפש ארעמז אז דאס אלעם קומט אים צו טאן נאר מחמת דעם חסד הבורא ית' איז דאס איין אויסבייטונג פר אים אונ דר פון וועט זיך דר בעל עבירה דר וועקן צו תשובה. אונ דר בעל עקידה שרייבט אזו דר נאטור פון מענטשן איז ווען איין שר פירט זייא אריין צו זיך אין צימר אונ נעמט צו פון זיי אמתנה מיט אפרייליכע מינע בפרט אז ער איז זיי מכבד מיט עטוואס דאן זיינען זיי זייער צו פרידן אונ ווערן טרייא צו גיבונדן צו זיין דינסט דרום האט הקב"ה גיהייסין אין דעם אופן בויען אמשכן ומקדש מיט קרבנות אונ אפט קומען עולה לרגל זיין אונ דארטין עסין שלמים אונ מעשרות כלומר זיי זעהן זיך מיט אים אין זיין פאלעץ אונ ער נעמט צו פון זייער האנט מתנות אונ עסן אויף זיין טיש הגם דאס איז קיין שייכות ניט צו אים כדי דאמיט זאלין זייא ווערן צו גיבונדן צו הקב"ה כביכול. אז די תורה הקדושה זאגט אין פרשה ראה למען תלמד ליראה כדי דר פון וועסטו זיך לערנן יראת שמים. בקיצור נאך אלע טעמים נאך קומט אויס דאס דער הויפט תכלית פון דיא אלע

עניִנים איז נור תשובה אונ מעשים טובים . ווען ניט זאגט הקב"ה למה לי רוב זבחיכם וגו' מי בקש וגו' רמוס חצרי . אויך שטייט אין ירמיה המערת פריצים היה הבית הזה וגו' דאס הייסט השי"ת זאגט אויב מער ניט וואס איר קומט אין בית המקדש אונ ברייגגט קרבנות אבר פרימער ווערט איר ניט דאדורך האט איר ביא מיר אצורה וויא מערדר וואס באהאלטן זיך אין אהייל כדי זיי זאלן ווייטר קענן רויבן אונ איך פר לאנג ניט אייער קומען ניט אייערע קרבנות דען וואס מויג די פוסטע צו גאסט קומען ווען מען ניט ניט צו לייזן דעם סוחר אונ דאס איז די כוונה פון דעם פסוק עולותיכם ספו וגו' כי לא דברתי וגו' ועל דברי עולה וזבח כי אם וגו' לאמר שמעו בקולי וגו' היינו הקב"ה זאגט מיין ריידן ווען קרבנות איז נור נימיינט כדי דאס זאל זיין אסבה מען זאל מיר הארכן . אונ ווען ניט דאס איז אסך גלייכער איר זאלט ליבערסט עסן מער פלייש אונ קיין קרבנות ניט ברייגגן . דען עס איז קיין פעולה ניט פאר אייך . די זעלבינגע איז דער מיין פון אתענית . אז דער רמב"ם ז"ל שרייבט ווייל דאמאלם ווערט דיא הארץ צו בראכין אגב ווילט זיך טאקע עסן אויך דרום דר מאנט מען זיך גיכער צו תשובה אויך צו געבין צדקה אהונגעריגן ארימאן . וויא די גמרא זאגט אין ברכות אגרא דתעניתא צדקתא אבער דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגן . אבער אויב פון אתענית ווערט מען ניט בעסער איז דאס נגליכן אז אזייגרמייסטר וואס נעמט פאנאנדר דעם זייגער אונ נימאלם שטעלט ער אים צו זאמן . דאס איז נימיינט ער פייניגט דעם גוף אונ קיין פעולה טוט ער ניט . אין דעם אופן זאגט די גמרא אין תענית אז ער ווערט גירופן חוטא . ווייל ניט דאס איז דר רצון פון השי"ת וואס ער ווערט אן גירופין נב חסד דאס מען זאל זיך פייניגן אומזיסט . מיט די הקדמה אונ דר צו אקורצן משל פר שטייט זיך די פסוקים פון ישעיה למה צמנו ולא ראית וגו' הן ביום צומכם תמצאו חפץ וגו' הכזה יהיה צום אבחרהו יום ענות אדם נפשו וגו' פתח חרצבות רשע וגו' הלא פרוס לרעב לחמך וגו' . בדמיון איין ארימאן האט גיקויפט אציג וויא ער האט איר אריין גיפירט אין שטוב איז די ווייב גלייך צו גיפאלין מיט גרויס שמחה אוים מעלקין אביסיל מילך . אבר די ציג גיט קיין מילך ניט . דאן איז זיא גיווארין ברוגז אויפן מאן וואס ער גיקויפט אזו איין אונגנוציגע ציג . זאגט דר מאן צו איר פריער אקארסט גיב איר עסן אונ לאז איר זיך אוים רוען נאכהער מעלק איר ווערט זיא דיר געבן מילך . דער נמשל איז די אידין מיינן אז דער עיקר איז דר תענית אליין אונ אז זיי זעהן אז נאכן תענית ווערט זייא תיכף ניט בעסער שרייען זיי למה צמנו וגו' ווארום אז מיר האבין גיפאסט אונ דו מאכסט זיך ניט זעהענדיג . עינינו נפשנו וגו' מיר האבן זיך גיפייניגט אונ דו מאכסט זיך ניט וויסענדיג אונז צו העלפין . ענטפערט זיי הקב"ה הן ביום צומכם תמצאו חפץ וגו' יום ענות אדם נפשו וגו' איר ווילט שוין גלייך אין דעם זעלבינן טאג פון תענית באקומן וואס איר פערלאנגט ווייל איר מיינט אז מיין רצון איז נור דר עצם פאסטן כדי אייך צו קוועלן ניין הלא זה צום אבחרהו פתח חרצבות רשע וגו' פרוס לרעב לחמך וגו' דער הויפט איז דיא התעוררות צו תשובה וצדקה וועלכע פון תענית וואקסט ארוים . אז יבקע כשחר אורך כלומר איילט זיך ניט אונ ווארט אקארסט ביז דיא צייט אז איך וועל זעהען אויב דער פאסטין האט אוים גיווירקט אויף אייך תשובה ומעשים טובים דאמאלם וועט איר האבין מילך אן אשיעור דאס הייסט יעדערער וועט לייכטין גלייך אזוי וויא דער מארגין שטערין בעולם הזה אונ בעולם הבא :

וַיִּקְרָא אֶל משֶׁה וַיְדַבֵּר יְיָ אֵלָיו דֶר מִדְרָשׁ שְׁרַייבְּט עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים אָז דִּבַּרְתָּ בְחָזוֹן לַחֲסִידֶיךָ דָאס אִיז גִימֵיינְט משֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה וָואס הקב"ה הָאט מִיט אִים גִירֶעט מִיט דִי מַדְרֵגַת נְבוּאָה פוּן לָשׁוֹן דִבּוּר אוֹיךְ מִיט לָשׁוֹן חָזוֹן. אַז הקב"ה זָאגְט אִין בַּמִּדְבָּר פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ וּמַרְאֶה וְלֹא בְחִידוֹת מוֹיל צוּ מוֹיל רֵייד אִיךְ מִיט אִים אוּנ אוֹיגִין שַׁיינְלִיךְ. דָאס הֵייסְט מְפוֹרָשׁ בִּלְשׁוֹן חָזוֹן. אוּנ נִיט פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייד אַז אַיין רֶעטֶענִים. וַוייטֶר שְׁטֵייט וַתֹּאמֶר שִׁוִּיתִי עֵזֶר עַל גִּבּוֹר דוּ הָאסְט גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיטָאן אַיין הִילְף אוֹיפִן גִבּוֹר. דָאס קוּמְט אוֹיס וִויא רַבִּי תַּנְחוּם בַּר חֲנִילָאִי זָאגְט דֶר סֵדֶר עוֹלָם אִיז אַיין מַשָּׂא וָואס אִיז צוּ שְׁוָוער פַר אַיין מֶענְטְשִׁין אִיז גְרִינְג פַאר צְווַייעֶן. וֶוען עֶס אִיז שְׁוָוער פַאר צְווַייעֶן אִיז גְרִינְג פַאר פִירִין. אָבֶּער אִיז דֶען מֶיגְלִיךְ אַז דָאס וָואס אִיז שְׁוֶוער פַאר שִׁשִּׁים רִבּוֹא מֶענְטְשִׁן זָאל זַיין גְרִינְג פַר אֵיינֶעם אוּנ בַּייא דֶעם בַּארְג סִינַי הָאבִּן אַלֶע אִידִן גִיזָאגְט אִם יוֹסְפִים אֲנַחְנוּ לִשְׁמֹעַ וגו' אוֹיבּ מִיר וֶועלִן ווִידֶער הֶערִן דֶעם קוֹל פוּן גָאט דָא וֶועלִן מִיר שְׁטַארְבִּן אוּנ משֶׁה אַלֵיין הֶערְט אוּנ בְּלַייבְּט לֶעבִּן. וְהָא רְאָיָה קַיינֶם הָאט נִיט גִירוּפִן דֶר דִבּוּר פוּן הַשִּׁי"ת נַייעֶרְט צוּ משֶׁה ווִיא דָא אִיז גִישְׁרִיבִּן וַיִּקְרָא אֶל משֶׁה וַיְדַבֵּר יְיָ אֵלָיו דָאס טַייטְשׁ עֶר הָאט גִירוּפִן צוּ משֶׁה אוּנ גָאט הָאט גִירֶעט צוּ אִים. דִי כַּוָּונָה פוּן דֶעם מֶדְרָשׁ אִיז לַייכְט צוּא פַאר שְׁטֵיין מִיט אַמָּשָׁל. אַנֶּעבִּילְדֶעטֶר שְׂרָרָה הָאט גִיהַאט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטָאט אַיין אִידִן אַגְרוֹיסִן חָכָם אוּנ פַר שְׁטַאנֶן פִיל לְשׁוֹנוֹת עֶר הָאט אִים זֶעהְר גִילִיבְּט עֶר פְלֶעגְט זִיךְ תָּמִיד מִיט אִים אוּנְטֶערְהַאלְטִן אִין טִיפֶע חָכְמוֹת אוּנ אִימֶער מִיט אִים גִירֶעט אִין זַיין פַאלַאץ לַאטֵיינִישׁ גְרִיכִישׁ אוּנ נָאךְ דָאס גְלַייכִן פְרֶעמְדֶע שְׁפְּרַאכִן אַמָאל הָאט דֶער שַׂר גִישִׁיקְט רוּפִן גַאנְץ קָהָל פוּן דֶר שְׁטָאט. אוּנְטֶער זֵיי אִיז אוֹיךְ גִיוֶוען זַיין גוּטֶער פְרַיינְד דֶר מְלוּמָּד. הָאט דֶר שַׂר גִירֶעט צוּ אִים אוֹיף דֶעם לָשׁוֹן פוּן דֶער מְדִינָה וָואס אַלֶע פַר שְׁטֵייעֶן. אִיז דָאס בַּיי דֶעם חָכָם גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶר ווּאוּנְדֶער. זָאגְט דֶער שְׂרָרָה אִיךְ וֶועל

דִיר עֶרְקְלֶערִן. וֶוען אִיךְ וָואלְט גִיהַאט גִירֶעט מִיט דִיר אוֹיף אַזוֹ אַלָשׁוֹן וָואס קֵיינֶער פַאר שְׁטֵייט נִיט. דַאן וָואלְטִן אַלֶע לַייטִן מֵיינֶען אַז דָאס וָואס אִיךְ רֵייד מִיט דִיר אִיז נוּר וַוייל זֵיי קֶענֶן נִיט דֶעם לָשׁוֹן. אָבֶּער נִיט וַוייל אִיךְ לִיבּ דִיר מֶעהְר פוּן זֵיי אַלֶעמֶען. אִיצוּנְד אָבֶּער אַז אִיךְ רֵייד פְּרָאסְט ווִיא אַלֶע אוּנ דָאךְ רֵייד אִיךְ נוּר מִיט דִיר אוּנ נִיט מִיט קֵיינֶעם. דָא פַאר שְׁטֵייעֶן זֵיי שׁוֹין קְלָאר דָאס אִיךְ לִיבּ דִיר אוּנ שַׁאצְט דִיר טַייעֶרֶר פוּן זֵיי אַלֶעמֶען. דֶער עִנְיָן דֶר פוּן זָאגְט הקב"ה אִין יִתְרוֹ הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ וְגַם בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם דָאס טַייטְשׁ אִיךְ קוּם צוּ דִיר מִיט אַדִיק וָואלְקִין. הַיְינוּ אִיךְ רֵייד צוּא דִיר אִין אַזוֹ אַמַּדְרֵגָה וָואס אַלֶע זָאלִן קֶענֶן פַר שְׁטֵיין כְּדֵי דָאס פָאלְק זָאלִן הֶערִן אוּנ אוֹיךְ פַרְשְׁטֵיין ווִיא אִיךְ רֵייד נוּר מִיט דִיר אוּנ נִיט מִיט זֵיי. דֶער פוּן וֶועלִין זֵיי גְלוֹיבִּן ווִיא גְרוֹיס דוּ בִּיסְט בַּייא מִיר. אִיצוּנְד לָאמִיר זִיךְ קֶערִן צוּ אוּנְזֶער מֶדְרָשׁ עֶס שְׁטֵייט אָז דִּבַּרְתָּ בְחָזוֹן וגו' הַיְינוּ הַשִּׁי"ת הָאט גִירֶעט מִיט משֶׁה רַבֵּינוּ בְּדִבּוּר וְחָזוֹן וָואס דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער בֶּעטַייט אוֹיף אַגַאנְץ נִידֶערִיגֶע מַדְרֵגָה פוּן נְבוּאָה וֶועלְכֶע כָּל יִשְׂרָאֵל זַיינֶען גִיוֶוען רָאוּי צוּ פַאר שְׁטֵיין. ווִיא עֶס שְׁטֵייט פֶּה אֶל פֶּה אֲדַבֶּר בּוֹ וּמַרְאֶה וְלֹא בְחִידוֹת דָאס הֵייסְט נִיט פַר שְׁטֶעלְט ווִיא אַרֶעטֶענִים אוּנ דָאךְ הָאבִּן זֵיי נִיט גִיהַאט כֹּחַ מַשִּׂיג צוּ זַיין אוּנ עֶר הָאט מִיט זֵייא נִיט גִירֶעט נַייעֶרְט מִיט משֶׁה אַז דֶר פָּסוּק זָאגְט וַיִּקְרָא אֶל משֶׁה וגו' דֶר פוּן זֶעהְט מֶען אַרוֹיס דִי גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט פוּן הַשִּׁי"ת צוּ אִים:

וְשָׁחַט אֶת בֶּן הַבָּקָר וגו' וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן וגו' וְאִם מִן הַצֹּאן קָרְבָּנוֹ וגו' וְהִקְרִיב וגו' וְהִקְטִיר דֶר מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט בַּיי בֶּן בָּקָר הַיְינוּ אַקָרְבָּן פוּן אַיין אָקְס שְׁטֵייט נוּר וְהִקְטִיר עֶר זָאל דֶעמְפִן אוּנ בַּיי אַקָרְבָּן צֹאן דָאס הֵייסְט אַבַּארַאן אִיז גִישְׁרִיבִּן וְהִקְרִיב אוֹיךְ. דָאס וַוייזְט אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט זָאגִן נִיסְט קָשֶׁה אִיךְ וֶועל טָאן עֲבֵירוֹת אוּנ דָאס וָואס נִיט פַאסִיג אִיז. דֶר פַר אָבֶּר וֶועל אִיךְ מַקְרִיב זַיין אוֹיפִן מִזְבֵּחַ אַיין אָקְס אוּנ וַוייל עֶר הָאט אִין זִיךְ פִיל פְלַייש וֶועט הקב"ה מִיר מוֹחֵל זַיין. דְרוּם

שטייט ניט דר וואָרט והקריב ביי בקר נייערט ביי צאן. אהסבר צו דעם מדרש איז גייטיג אמשל. איין עושר האט גפירט גרוויסע געשעפטן אונ האט אלין זיך גישאפט מיט משולחים. אמאל האט זיך גימאכט דאס זיי זיינען ניט גיווען פארזיכטיג אין גישעפט אונ מען האט באגנבת פיל סחורה. האבן די לייטן זיך זייער גישעמט צו קומן אהיים ביז וואנען זייא האבן זיך קוים איינגיבעטן אונ אפ גימאכט מיטין גביר דאס זייא זאלן אים אויס צאלן זיין היזק אין וואכר אקליינם פראצענט אונ ביסליכווייס היינו דביי גילדן יעדר וואך. איינר פון זיי איז גיווען איין עני מדוכא אונ קוים מיט כחות האט ער גיבראכט נור צווייא גילדין. דער צווייטר פלעגט אדרבה געבן פיר גילדן מער אז דער אפ מאך איז גיוועזין. דאך האט דער גביר אנגינומען דעם עני מיט מער פריינדליכקייט אז יענר וואס האט גוט גצאלט אונ אז מען האט אים גיפרעגט איבער דעם האט ער אזו גיענטפרט. איר דארפט פאר שטיין דאס זייער ביסעלע געלט האט ביי מיר קיין שום ווערדע ניט בפרט עס איז קיין ערך ניט אנטקעגן דעם שאדן וואס זיי האבן גטאן נור מיין הויפט כוונה איז כדי דאמיט זייא אן צו לערנן אז זייא זאלן ווייטר פארזיכטיגר זיין אין עסק אונ זאלן שוין אימער זוכין וויא מיר אין צופרידענהייט שטעלן כדי צו פאריכטין דאס וואס זיי האבן פר קרימט ביז יעצט. אבר דאס אלעס זעה איך נור איין אין דעם עני. דען בעת ער ברייגגט אפ מיר די ווייניג וואכר זעה איך אז ער דר לאנגט מיר די ביסל געלט מיט גרויס הכנעה ושפלות. גיוויס איז ביי אים אין הארצן טיף איינגעקריצט דאס וואס ער האט אמאל אנטקעגן מיר פר קרימט אונ וועט זעהן דאס צו פר ריכטן מיט דער צייט. אבר יענר משולח ווייל ער צאלט מעהר אז די פשרה איז גיווען בייא אונז מיינט ער אדרבה ער מאכט מיר דאמיט גליקליך דרום וועט ער זיך ווייניג בעסערן דרום בין איך צו אים ניט אזו פריינדליך אלס יענעם. דער ענין ד״ר פון

איז אזו וויא דער מדרש דריקט זיך אויס אין שיר השירים דנכית ליה חויא חבלא מדחיל ליה דעם דאזיגן וואס אשלאנג האט אים אמאל איין גיביסן יענער שרעקט זיך שוין אפילו פאר אשטריקל אונ ער היט זיך פון אלעס וואס עס זעהט נור אויס עטוואס פאדאבנע דער צו. כלומר ווען מען ווערט נכשל אין איין עבירה דאן מוז מען זיך שוין גוט היטן פון נאר וואס עפים אקלקול אונ דרום איז הקב״ה מוחל דעם בעל עבירה ווען ער טוט תשובה ווייל ער רעכינט מהיום והלאה וועט אים פלאגין זיין געוויסן אויף דעם חטא וואס ער האט פריער גיטאן אונ דאדורך וועט ער פיל פרימר ווערן אז נאר פריער איידר ער האט גיזינדיגט. אזו וויא דער פסוק זאגט אין תהלים כי עמך הסליחה למען תורא כלומר הקב״ה פאר גיבט דעם חוטא כדי דער פון זאל יענר חוטא פרימר ווערן אונ באקומן גרויס יראת שמים. אבער דער עצם קרבן אנטקעגן דעם גרויסן פגם וואס ער האט גיטאן איז כלא ביי הקב״ה. אזו וויא עס איז גישריבן התחפץ לה׳ בעולות אונ וויא עס איז שוין גינונ גירעט גיווארין אין אן פאנג סדרה. דאהער דר ארימאן וואס ער פאר מאגט מער ניט אז אשעפס אדר אבאראן צו ברייגגן פר אקרבן גיוויס ברייגגט ער דאס מיט איין צו בראכענעם הארצן אונ מיט גרויס בושה וויא דיא טבע פון איין ארימאן. אונ צו ליב דעם וועט ער בוודאי זיך זעהן צו בעסערין אונ מתקן זיין דעם פגם פון דיא עבירה. דרום שטייט והקריב היינו ער איז זיך מתקרב צו גאט אונ גאט ב״ה כביכול צו אים אונ אין דעם אופן איז דאס זייער חשוב פר השי״ת. אזו וויא דר פסוק זאגט זבחי אלהים רוח נשברה אבר דר עשיר וואס ברייגגט מיט אפרייליכן הארצן אגרויסין אקס אונ מיינט אז דאמיט מאכט ער גאט ב״ה רייך ער וועט שוין קיין רעכטע תשובה ניט טאן אונ וועט אלץ ניט זיין פאר זיכטיג אין דעם היילגן גישעפט פון עבודת הבורא ית׳ דאס ער זאל זוכין התקרבות צוא זיין באורין השי״ת. דרום שטייט ניט

בייא דעם קרבן בן בקר דער לשון והקריב:

אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם והקריב על חטאתו אשר חטא פר בן בקר תמים ליי לחטאת אויב דער גיזאלבטר כהן היינו דר כהן גדול וועט זינדיגן דאס איז צום שולד פר דאס גאנצע פאלק. זאל ער מקריב זיין אויף זיין זינד וואס ער האט גיזינדיגט איונגן אקס אנאנציין צו גאט פר אקרבן חטאת. דער פירוש פון לאשמת העם אונ נאך דקדוקים וועלכע די מפרשים ריידין דארין פאר שטייט זיך מיט אקורצין משל. אסוחר איז גיפארן מיט אגרויסן אבאז פורין כהורה אום ווינטר צייט. איז דר אבאז אראפ פון וועג אונ וויט פר בלאנזעט האט ער זייער גיקרעכצעט דארויף. זאגט איינר פון די פור לייטע צו אים מה רעש אין מיין לעבין האט מיר שוין אויך כמה מאל גיטראפין דאס איך האב פר בלאנדזעט ביז איך בין ארויף אויף דעם גראדין וועג אונ בעת מעשה האב איך גאר ניט אזו פיל גיזארגט אלם דו. ענטפערט דער סוחר מיין זארג איז גאר איין אנדר זאך דען דו האסט נור מיט איין פור גיבלאנדזעט אונ גלייך וויא דו ביסט גיקומן אויף דעם וועג איז שוין גוט גיווארין אונ כמעט קיין שלאד גיבליבין דארטין פון דיין פארן. איך אבער מיט אזו פיל פורין וואו נור איך טרעט ארין ווערט גלייך אוועג אז אפאצטאוור נאסצינעץ דאס אלע וועלן מיינען אז דא איז טאקע די ריכטיגע וועג אונ וועלן דורך מיר גינוג צרות ליידן אט דאס איז מיין שברות הלב אונ מיין פר דרוס. דער נמשל איז עס איז ידוע הקב"ה איז מדקדק מיט זייגע צדיקים אויף איין האר ווייל ווען זיי פר קרימן עפיש פון גראדין וועג וואקסט דער פון ארויס די גרעסטע קלקולים פאר דעם המון עם. אז די חכמים ז"ל זאגין שגגת תלמוד עולה זדון דאס הייסט ווען אתלמיד חכם טוט עפיש איין עבירה אונגערן קומט דער פון ארויס דאס די פראסטע לייט וועלין טאן במזיד שווערע עבירות ווייל אלע לערנן זיך אפ פון זיי הן מעשים טובים הן מעשים רעים חלילה. דרום איז זייער עונש אדר זייער שכר פיל גרעסר וויא פון גוואוינליכע מענטשן וואס דער פגם פון זייער עבירה דאס גלייכין זייערע מעשים טובים זיינן נור פר זיך זעלבסט אונ ניט פר קיינעם. אליהוא זאגט אין איוב חלילה לאל מרשע ושדי מעול כי פועל אדם ישלם לו וכאורח איש ימציאנו הקב"ה טוט חלילה קיינעם קיין עולה ניט נייערט דעם פראסטן מענטשן צאלט ער נור וויא זיינע מעשים אונ דעם גרויסין מאן וויא זיין וועג וואס ער האט גימאכט פר אלע לייטן סייא אויף גוטעם סייא אויף שלעכטעם עס שטייט אין תהלים שתולים בבית יי בחצרות אלהינו יפריחו דאס טייטש אין די צייט ווען די צדיקים זיינן שוין איין גיפלאנצט אין גאטס הויז היינו אין גן עדן מאכן זיי אויך בליען מעשים טובים אין די פאר הויפין פון גאט כלומר אין דעם עולם. דורך די גוטע מעשים וואס עס ווערט גיטאן צו ליב דעם וואס זייא האבן גילערינט אין זייער לעבין די וועלט גוטס צו טאן. דיא רייד מיינט די תורה הקדושה אם הכהן וגו' לאשמת העם ווען דער כהן גדול וועט זינדיגין איז דאס אגרם צו די זינד פון גאר דאס פאלק והקריב על חטאתו אשר חטא זאל זיין קרבן אריבער שטייגין דעם זינד וואס ער האט גיזינדיגט ליי לחטאת כלומר אבער ביי הקב"ה בלייבט נאך עטוואס אצייכין פון זיין זינד ווייל ער האט גימאכט זינדיגן ארבים פון ישראל סיידן ווען ער טוט איין גיהייבענע תשובה וואס ווערט גירופין תשובה עילאה:

## הפטרת ויקרא

עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו ולא אותי קראת יעקב כי יגעת בי ישראל הקב"ה זאגט דיא ראזיגע פאלק ישראל האב איך בעשאפין צו מיר זייא זאלן דר ציילין מיין לויב. אבער ניט מיך האסטו יעקב גירופין ווען דוא ביסט מיד גיווארין דורך מיר דו ישראל. דיא כונה פון פסוק ווערט ערקלערט מיט איין משל. איינער איז גיקומען צו פארין ערב שבת שפעט איז ער תיכף אראפ גישפרונגן פון פור אונ גילאפין אהיים. פון דארטין האט ער גישיקט דעם משרת צום בעל עגלה אפ נעמן זיין פעקיל אין דעם קומט ארין דר משרת פאר שאפעט און פאר שוויצטערהייט אונ זאגט צו

דעם בעל הבית איך האב שוין גיבראכט אייערע חפצים רופט זיך אפ דער בעל הבית גיווים האסטו פאר ביטין אויף פרעמדע ווארום פון מיינע זאכין וואלסטו גאר ניט גיוועזין אזו פר מאטערט וייל עס איז גאר אקליינער רייזע זאק אונ אגרינגר. דיא מעשה דער פון איז אזו דער פסוק זאגט לא בשמים היא וגו' כי קרוב אליך הדבר מאד וגו' אויך שטייט גישריבין וקוי יי יחליפו כח וגו' היינו דער איד וואס איז עוסק בתורה ועבודה לשמה קומט דאס אים אן זייער גרינג. אונ וואס אמאג וייטר בעקומט ער אימער מער קרעפטין אונ מער לוסט דארין אזו וויא אין פרקי אבות שטייט מפורש הלומד על מנת לעשות מספיקין בידו וכו' דר וואס לערינט כדי מקיים צו זיין היינו לשמה העלפט מען אים שוין פון הימעל אין אלע ענינים וואס גיהערט נור צו תורה ומצות אונ ווען מען ווערט מיד דארין איז אסימן אז מען מיינט ניט דעם עיקר לערנען אדער דיא מצוה באמת נייערט פון עפים אפניה וועגין אונ ער מיינט נור זיך אליין צו דינען אונ ניט הקב"ה דרום זאגט ער דא עם זו יצרתי וגו' דאס פאלק האב איך בשאפין זייא זאלין מיר לויבין מיט די תורה ומצות וואס איך האב זייא גיגעבין אונ איצונד מיינען זייא גאר דאס זייא אליין זאלין גילויבט ווערין דורך דעם ולא אותי קראת יעקב אונ אראיה אז ניט מיר רופסטו יעקב נייערט דוא מיינסט גאר מחשבות זרות כי יגעת בי ישראל דען דוא ווערסט פאר מאטערט פון מיין גרינגען פעקיל תורה ומצות דאס איז אסימן אז דער פעקיל איז ניט מיינער וויא אויבין איז ערקלערט:

## פרשת צו

וזאת תורת זבח השלמים אשר יקריב ליי דר מדרש תנחומא שרייבט דאס מיינט דער פסוק אין תהלים אשמעה מה ידבר האל יי כי ידבר שלום אל עמו היינו וויא די פעלקר עמון ומואב האבן דר הערט די מצות פון קרבנות זיינן זיי צו זאמן גיקומן צו בלעם טענן ווארום גיט הש"י זיי ניט די מצוה האט ער זיי גענטפערט קרבנות הייסט שלום דאהער נור די ישראל וייל זייא האבין מקבל גיוועזן די תורה זיינן זיי נייטיג דאצו. אבר ניט איר. אז דער פסוק זאגט יי עוז לעמו יתן יי יברך את עמו בשלום דאס טייטש וייל גאט האט גיגעבן שטארקייט היינו די תורה צו זיין פאלק דרום האט ער זיי גיבענצט מיט שלום. דאס זאגט דוד ע"ה כי ידבר שלום אל עמו השי"ת האט גיבאטין שלום כלומר די מצוה פון קרבנות נור זיין פאלק ישראל. די שאלה וויא אזו הייגט אפ די מצוה פון קרבנות אן תורה וועט מתורץ ווערן מיט נאך אהארבערן מאמר חז"ל וואס דר מדרש ויקרא רבה שרייבט דאס פוי בריאת העולם ביז מתן תורה איז די וועלט גישטאנגן אויף איין פוס פון גמילות חסדים אונ נאכהער אז זיא האט באקומן צווייא פיס היינו תורה אויך האט זיא זיך אן גיהויבן אומשאקלן. וויא מען האט איר צו גימאכט אדריטע פוס פון די עבודת הקרבנות איז זיא פעסט גיווארן. איז קשה ווארום נאך קבלת התורה איז די וועלט גיווארן שוואכר אז פר דעם. דער צו איז דא אמשל. איין ארימאן האט גיהאט איין רייכין ברודר אין מרחקים וואס ער פלעגט אים אמט צוא שיקין געוויסע הספקה. אמאל האט זיך גימאכט ער האט אים ניט גישיקט דער וייל איז ער גיווארן איין גישולדיגט איבערן קאפ. מיט דר צייט איז דער עשיר גיקומן צו פארן אין דער שטאט אויף איריד מיט שטיקלעך זיידן ווארג וועלכי דאס נוצט צום פאר ריכטן זיידענע בגדים איז ער תיכף אריין צום עני אונ זאגט ברודער גיב מיר איצונד אויף אלע דיינע חובות אונ אלעם וואס נייטיג איז דיר אונ איך וועל דיר קודם כל אפ פטרן אום דו זאלסט מיר ניט שטערן פון לייזונג מיט דיינע גישעפטן אונ בקשות בעת יריד צייט. כך הוה ער האט אים גילאזן ארעכטע מטבע נון איין לעבערדיגן זאק אבר קען מען ניט אן שטאפין נאטירליך וויא ער האט באקומען די געלט איז ביי אים צו רונען גיווארין אונ האט שוין ווייטער גיט. האט אים די וייב אן גיהויבין טרייבן צום ברודר ווידר בעטן הילפע ביז ער איז גיוועזן אמוכרח אונ איז אריין צו אים אין קראם מיט איין תירוץ ער האט אן גיהויבין כלומרסט קלייבין אונ צוא פאסין שטיקלעך זיידינס פון פר שיידענע מוסטערן. דר בייכר

ברודער

ברודר האט גוט פר שטאנן אז ניט דס איז זיין מיין נאר ער זוכט מער ניט אז איין אויס רייד וויא מיט אים אריין צוא גיין אין אריד האט ער זיך אפ גירופין צוא אים ברודער ווארום בעדארפסטו אזו פיל זיך בעמיען ליבערסט ברייננ אהער דיינע זיידענע בגדים אונ איך וועל דיר אליין צו פאסן וויא ריכטיג איז צום פר ריכטן זיי. דאס איז גימיינט ווען דו ביסט איין עני אונ האסט גאר ניט קיין זיידענע קליידער נוא וואס נוצט דיר מיינע שטיקליך זיידינס. דר נמשל איז דאס בעפאר עס איז גיוועזן דר זכות התורה איז די וועלט גישפייזט גיווארן נור פון חסד הבורא יתברך. אבר נאך מתן תורה אז מען האט שוין בעדארפט אליין אן הייבן פר דינן דורך תורה ומצות אונ ווען מען איז ניט מקיים תורה ומצות ווערט שוואך די השפעה אין אלע עולמות חלילה אט דאס הייסט אז נאך מתן תורה האט זיך די וועלט גינומען אומשאקלן דרום האט הקב"ה דר צו גיגעבין אתרופה קרבנות אויף חטאים דאס בעפעסטיגט דעם קיום העולם אונ דער ריס וואס מאכט זיך אין דעם זיידענעם בגד פון תורה ומצות ווערט פאר ריכט מיט קרבנות וויא עס פאסט זיך צו יעדר עבירה בעזונדער דאס איז דער פשט וואס שטייט אז קרבנות הייסט שלום דען שלם איז דער טייטש גאנץ כלומר דאס מאכט גאנץ אונ עס פאר ריכט אלע פעלערן. עמון ומואב אבר האבן גימיינט אז קרבנות האבן קיין שייכות ניט צוא תורה אונ ווייל זיי איז גיפעלן גיווארן דעם שיינעם ארדענונג פון משכן האט זיך זיי אויך גילוסט צוא האבן אזו אצערעמאני פון קרבנות אונ האבין גיזאגט כלומרסט אז זייא מיינן נור די מצוה דרום האט זייא בלעם דר קלערט אז די קרבנות זיינן נור אז אתיקון צום קלקול פון תורה אונ ווען זיי טראגן קיין זיידענע בגדים ניט צו וואס נוצט נון פר זיי די זיידענע לאטעס כלומר ווען זייא האבין קיין תורה ניט וואס נוצט זייא אלזא דיא קרבנות:

אם על תודה יקריבנו דר מדרש שרייבט רבי פינחס ורבי לוי אונ רבי יוחנן זאגין אלע קרבנות וועלן בטל ווערן לעתיד לבא אונ איין קרבן תודה וועט קיין מאל ניט בטל ווערן וויא עס איז גישריבין אין ירמיה עוד ישמע וגו' קול ששון וקול שמחה וגו' מביאים תודה בית ה' דעם טעם דער פון פאר שטייט מען מיט אמשל. אין איין שטאט האבין גיוואוינט צוויא גבירים איינעם האט השי"ת גיבענטשט מיט אזון איראה שמים אונ איין עילוי שבעילוים וחכם גדול. האט אים די שטאט צו גינומען פר איין רב. דעם ערשטין שבת נאך זיין דרשה האט דר פאטער גימאכט אמזל טוב פר גאנץ שטאט אונ די שמחה איז גיוועזן אן אשיעור. פארין אוועק גיין האבין אלע צוא גיוואונצין זיינע עלטערין מיט אזו אשמחה ביז דעם לעצטין זון זייערין. ביא דעם אנדערן גביר איז אויך גיוועזין דעם שבת אגרויסין מזל טוב ווייל ער האט גיהאט איין פאר דארבענעם זון ער איז גיזעסן כמה יאר אין תפיסה בכבלי ברזל עס האט גיהאלטין שוין גאר קרוב מען זאל אים קעפין אונ דורך גרוים השתדלות האט מען אים איצונד בעפרייט. איין געוויסער שטאט נאר איז גיגאנגן אויף ביידע שמחות אונ מיט דיא זעלביגע ברכה וואס ער האט צוא גיוואונטשין דעם רבס עלטערין אזו אויך האט ער פאר זיין ארויס גיין גיוואונטשין דעם דאזיגן פערדארבענעם עלטערן דאס הייסט מיט אזו אשמחה ביז אייער לעצטין זון. נאטירליך איז אין גאנצין הויז דארטן גיווארן איין טרויעריגער גילעכטער. בקיצור עס איז דא צווייערליי פרייד. ענטוועדער ווען מען ווערט ניצול פון איין אונגליק אדר בעת מען בעקומט אגליק. אונ דר חילוק איז דאס דעם גליק וויל מען ער זאל גישעהן. אבער ביא דאס ערשטע וואלט אסך בעסער גיוועזין אז עס וואלט דאס גאר ניט גיוועזן. דרום לעתיד לבוא אז עס וועט זיין יום שכולו טוב אימער שמחות אונ דר יצר הרע וועט בטל ווערן אז דער פסוק זאגט ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ וועלין אלע קרבנות למשל חטאת אשם

וועלכע

וועלכע ווערדין געבראכט אויף עבירות אונ פורעניות בטל ווערין ווייל עס איז פיל גלייכר דאס זייא זאלין בעסער גאר ניט זיין אבער די אמתע גליקין וואס מען וויל עס זאל יוא גישעהען אונ אויף דעם איז מען מקריב איין קרבן תודה וועט בלייבן אונ ניט בטל ווערין אונ אזו איז דער פשט פון פסוק עוד ישמע וגו' אקרבן תודה אויף אזו אמין שמחה וואס מען וויל עס זאל ווידער גיהערט ווערין וועט מען יוא ברייגגען אין גאטס הויז בקול ששון ושמחה במהרה בימינו אמן :

## הפטרת צו

והשבתי מערי יהודה ומחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה וגו' כי לחרבה תהיה הארץ דאס טייטש איך וועל פאר שטערין פון די שטעט יהודה אונ פון די גאסין ירושלים איין קול פון לוסטיגקייט אונ איין קול פון פרייד דען דיא לאנד וועט ווערין וויסט. מען דארף פאר שטיין די עטליכע מאל קול איז אין פלוק איבעריג. וואס וואלט פעלען אז עס וואלט גישטאנען ששון ושמחה אונ די ווערטער קול גאר ניט. נאר דר ענין איז דאס עס גיט אפט איינעם איז זייער פריילוך אויף דעם הארצין אונ קען ניט ארויס ווייזין עפענטליך זיין שמחה מחמת די גאנצע שטאט זייגען אין צער דאס מיינט דער נביא והשבתי וגו' כי לחרבה וגו' היינו אפילו ווען איינעם וועט יוא זיין פריילוך אויף דעם הארצין וועט ער אויך זיך ניט קענען ארויס ווייזין מיט אלוסטיגען קול ווייל דיא גאנצע לאנד וועט זיין וויסט אונ טרויעריג. געגען דעם זאגט דער פסוק אויף די גוטע צייט פון ימות המשיח עוד ישמע וגו' קול ששון וגו' דאמאלס וועט זיין די שמחה עפענטליך אונ אויף דעם קול :

אל יתהלל חכם בחכמתו וגו' עס גיט אמאל צווייא בעקומען גלייכע מתנות אונ די שמחה פון איינעם איז גאר ניט דער ערך גרעסער אז דעם אנדערינס ווייל יענער האט דאס בעקומען פון איין גרויסין שר. דעריבער נים גינוג וואס ער האט הנאה פון דעם עצם מתנה ער פרייט זיך נאך מער דאס דער שר האט צו אים גיוויזין אזעלכע התקרבות דרום זאגט הקב"ה אל יתהלל וגו' כי אם בזאת וגו' כי אני ה' עושה חסד וגו' דר חכם אונ דער עשיר זאל זיך ניט ריהמען נור מיט זיין חכמה אונ עשירות נייערט דר עיקר ווייל איך טוא דאס מיט זייא דעם חסד אונ איך שיינק זייא דאס :

## פרשת שמיני

ויהי ביום השמיני דר מדרש שרייבט וואו עס איז גישריבין ויהי בעטייט אויף איין צרה. וויא דא זייגען גישטארבין נדב ואביהוא אהרנס קינדר. אונ דר ווארט והיה ווייזט אויף אשמחה. וויא אזו אבר גיפינט זיך דר זיגען אין די בעדייטונגען פון די צווייא ווערטר איז אזו. דער נאטור איז איין צער ווילט זיך אפ פאטערין וואס גיכער. אונ ווען עס באדארף גישעהן וויל מען עס זאל שוין זיין פארגאנגען עס זאל שוין הייסן איין עבר. אבר איין שמחה וויל מען פארקערט עס זאל לאנג דויערין אונ ווען עס איז שוין נאך דר שמחה וואלט זיך וועלן דאס עס זאל נאך זיין פאר די שמחה. אונ ווייל יהי איז טייטש עס וועט זיין נאר דר ני"ו ווייזט דעם מכוון פאר קערט דאס דיא כוונה איז פון ווארט דאס עס איז שוין גיוועזן. דרום איז דאס גיווים גימיינט אויף איין צרה וועלכע זיא דארף גישעהן אונ מען וויל עס זאל שוין זיין אזו וויא גישעהן. אבר היה איז עבר דאס הייסט עס איז גיוועזן. אונ דער וי"ו פאר קערט דאס צו עתיד אונ דר טייטש איז עס וועט זיין. מן הסתם איז דאס גימיינט אשמחה דען ווען די שמחה איז שוין איבר גיגאנגען ווילט זיך עס זאל פאר קערט ווערין אויף פאר דעם :

ויאמר משה אל אהרן הוא אשר דבר ה' לאמר בקרובי אקדש ועל פני כל העם אכבד וידום אהרן היינו וויא עס איז ארויס גיגאנגען איין פייער פון פאר גאט ב"ה אונ נדב ואביהוא זיינען פר ברענט גיווארן. האט משה גיזאגט צו אהרן דאס איז וואס גאט האט גיזאגט דאס דורך מייגע נאהענטע צדיקים וועל איך גיהייליגט ווערין אונ פאר די גאנצע פאלק וועל איך גיעהרליכט ווערן דאמיט איז אהרן רוהיג גיווארן. אין מדרש שטייט משה האט אזו גיזאגט. מיין ברודר

אויפין בארג סיני האט הקב"ה מיר אן גיזאגט דאס דער משכן וועט גיהייליגט ווערין דורך דעם טויט פון אגרויסין מאן. דרום האב איך גימיינט אויף זיך אדער אויף דיר אונ איצונד זעה איך דאס דיינע קינדר זיינען גרעסר פאר אונז ביידין. כדי צו פר שטיין דעם ענין צו וואס האט הקב"ה גידארפט די מיתה פון נדב ואביהוא צום חנוכת הבית מוזין מיר ברייננגן דר צו איין משל. איין דוכס האט אויס גיבויעט איין זעהר שיינע שטאט מיט אלע נייטיגע זאכין וואס מען קען נאר גיברויכין אונ האט אויך איר באזעצט מיט איינוואוינער. ער האט איין גיזעהן דאס עס פעלט נאך אין איר איין אפאטהעק מיט איין גוטען דאקטאר צו היילן קראנקהייטן וואס עס קען זיך טרעפין אין שטאט. האט ער באלד גימאכט אגרויסין אפאטהעק מיט גוטע רפואות אונ האט אריין גישריבין אין אלע אוניווערזיטעטין מען זאל שיקן פר דר שטאט איין גרויסן דאקטאר מען האט אים ארויס גישיקט דעם גרעסטין פראפעסאר. אין דעם טאג וואס מען האט זיך גירינכט אויף דעם דאקטערס קומען זיינען צו זאמען גיפארין דיא גרעסטע לייט פון דר מדינה אונ מען האט אים אויף גינומען מיט גרויס פאראד אונ מיט שמחה דאס זייא האבן זוכה גיוועזין צוא באקומען אזו איין וואונדרבארן מאן וואס קען בוודאי פון טויט לעבעדיג מאכן. אין מיטין שמחה איז איינר פון דיא לייטין קראנק גיווארין אלייכטע קראנקהייט דא האבין אלע גירעכינט דאס גיוויס וועט דער דאקטער וועלן איצונד דעם ערשטן מאל זיך אויסצייכנען פר די שטאט אונ וועט אויף אים אפ לייגין גאר זיינע קענטעניסע אונ אלע גוטע מיטלען אונ וועט אים באלד גיזונד מאכן. דר דאקטר האט אים צו גינומען צו זיך אין שטוב אונ האט אים גיקורירט אונ דער קראנקער איז דאך אוועק גישטארבן. דא איז גיווארן איין מהומה אין שטאט אונ די לייטן אלע האבן אויס גילאכט דעם נייעם דאקטער. אונ אז דר דוכס האט

אים פאר גיהאלטין וועגין דעם האט ער אים אזו גיענטפערט. איך האב בעטראכט דעם גרויסין כבוד וואס מען האט פר מיר גימאכט אונ מען האט מיר כמעט פאר געטערט אז איך קען מחיה מתים זיין דאהער האב איך מורא גיהאט דאס פיל וועלין זיך גאר ניט היטין פון אלעם וואס שעדליך איז אויף דעם סמך אז איך וועל זייא אויס היילין אונ איך מיט מיין גרויס חכמת הרפואה וועל זיין פאר קערט חלילה גאר אסבה צו פיל קראנקהייטן אונ צום טויט פון פיל לייט. דרום האב איך אדרבה איצט גיזעהען דאס דער ערשטער קראנקער זאל שטארבין אום צו פאר היטין טויזענדע פון טויט. כדי זיי זאלין זעהן דאס חאטשע איך האב גילייגט אויף אים גרויס מיהע אונ דאך האט ניט גיהאלפין. דאן וועלין זיי שוין מהיום והלאה וויסין וויא ווייט מען מוז זיין אפ גיהיט פון נור עפעס שעדליכעם. דער נמשל איז אזו. נאך דעם וויא הקב"ה האט אויס גיבויעט דאס הויז ישראל אונ האט זיי גיגעבן תורה ומצות האט ער איין גיזעהען דאס עס איז פר זייא זייער נייטיג איין אפאטהעק מיט איין גוטן דאקטר זיי צו היילן פון קראנקהייטן דאס הייסט פון חולי הנפש. פון די זינד וואס אמענטש פאר זינדיגט. האט ער זיי גיגעבן איין אפאטהעק מיט איין דאקטער דאס איז גימיינט דעם משכן מיט קרבנות וקטורת. דר צו איין כהן גדול מיט אלע אנדערע כהנים אונ דר גאנצר סדר עבודה. דאס דער וואס איז קראנק גיווארין אויף חולי הנפש דורך עפעס איין עבירה איז גיקומען אהין מיט אקרבן אונ דר צו תשובה איז ער באלד גיהיילט גיווארין. די ישראל האבין זיך מיט די דאזיגע טייערע מתנות גיפרייט אן אשיעור אונ גמאכט גרויס פאראד בעת דעם חנוכת הבית פון משכן. הקב"ה האט אבר איין גיזעהן טיף אין זייערע הערצר דאס זיי וועלין זיך דארויף סומך זיין אונ וועלן זיך ניט היטן פון זינד דען זיי וועלן רעכנען אויף דעם משכן אונ קרבנות דאס

זיי וועלין אלין דינג מכפר זיין. אזו וויא מיר זעהען דאס אין די שפעטערע צייטין האט זיא דר נביא ירמיה טאקע גישטראפט איבר דעם אונ גיזאגט אל תבטחו לכם אל דברי השקר לאמר היכל יי היכל יי וגו' דאס טייטש פערזיכערט זיך ניט אויף די פאלשע דעה דאס דר עיקר איז גאטס פאלעץ. כלומר אונ אויף דעם סמך טוט איר כל המעשים רעים. דרום האט הקב"ה מסבב גיוועזין דאס אין דיא רעכטע שמחה נעבודה זיינן גישטארבין די גרויסע צדיקים איבער דעם וואס זיי האבין גיבראכט אויפין מזבח פרעמדע פייער. דאכט זיך גאר איין קליינעם חטא. פון אזו אשרעקליכן צופאל זיינן כל ישראל צוציטערט גיווארין אונ גוט פרשטאנען וויא מען מוז זייער גיהיט זיין פון עפים איין חטא. אונ ניט פארלאזין זיך אויף תקונים אונ אויף תשובה:

וידבר יי אל אהרן לאמר יין ושכר אל תשת דער מדרש שרייבט רבי יוחנן זאגט די זיבין יאר וואס שלמה האט גיבויט דעם בית המקדש האט ער קיין וויין גיטרונקן. אונ אז ער האט אויף גיבויט דעם בית המקדש אונ אויך אין די זעלביגע נאכט חופה גיהאט מיט די בתיה בת פרעה האט ער יוא וויין גיטרונקען האט הקב"ה גזאגט וועלכע שמחה זאל איך איצונד בעסער אן נעמן. דאמאלס האט ער שוין גיטראכט חרוב צו מאכן ירושלים וויא עס איז גישריבן אין ירמיה כי על אפי ועל חמתי היתה לי העיר הזאת למן היום אשר בנו אותה דאס טייטש אויף מיין כעס אונ צארין איז צו מיר גיוועזין די שטאט פון דעם טאג אן וואס זייא האבן איר אויף גיבויט. זאגט רבי הלל בר הילני דאס איז וויא איינער גייט פר בייא איין אונריינעם ארט פערקרימט ער דעם נאז (אפי איז טייטש מיין נאז). דעם פירוש פון מדרש קען מען פאר שטיין מיט איין מאמר פון ויקרא רבה כל תלמיד חכם שאין בו דעה נבלה טובה הימנו דאס טייטש דר תלמיד חכם וואס האט קיין שכל ניט איז אנבלה חשובער פר אים. איז קשה האבן דען די רבנן ניט גיפונען קיין בעסערן בייא שפיל פר אתלמיד חכם אז איין נבלה. נאר גוט בעטראכטינדיג זעהט מען וויא אן גימאסטין דאס איז. מען זעט אזו גוט וויא דר פרסום פון איין מענטשינס מעלות איז נאך זייער ערך נאך אזו אויך גייט מיט די חסרונות זיינע. אבער אמאל טרעפט ווען צוא איין וויכטיגען מאן פון פיל גוטע מעלות בעהעפט זיך איינער נור מיט איין געוואנליכען חסרון אונ דאך ווערט דר חסרון זיינר זייער מפורסם אין דר וועלט צו ליב יענעמס מעלות. למשל איין אשה רעה איז איינע גיוואונליכע זאך אין דר וועלט פון דעסט וועגין ווייס מען פון זייא גאר ניט אונ ווען זיא קומט אן צו איין גרויסין רב ווערט זיא אמפורסמת אין דער וועלט ווייל בעת מען רעט וועגין די שבחים אונ די מעלות פון דעם מאן קומט מען ארויף אויף אירע חסרונות צום בייא שפיל מען זאגט אזו איין תכשיט וויא ער איז אונ דאך ווערט ער פר שווארצט פון זיין ארורה אזו אשלעכין וכדומה. דאס גלייכין איז מיט איין אייגענעם חסרון ווען אפראסטער מענטש טוט איין נארישקייט אונ עפים איינע עולה ווערט גאר ניט קיין רייד פון דאס. זאל דאס אבער דיא זעלביגע זאך טרעפין בייא איין למדן מפורסם ווערט דאמיט פול דיא וועלט אונ בשעת עס ווערט גירעט פון זיינע שבחים רעד ער ווייליע ווערט ער צו ליב דעם גיטאדילט. למשל מען זאגט ער איז אבער איין שוטה גדול ער האט דאך גיטאן דאס אונ דאס. דרום זאגן רעכט די חכמים זייער מליצה כל תלמיד חכם שאין בו דעה נבלה טובה הימנו ווארום פון איין נבלה פילט מען איר ריח רע נור ארום דעם ארט וואו זיא ליגט. אבר די שלעכטע מעשים פון אתלמיד חכם אשוטה גרייכט ביז עק וועלט. איצונד וועלין מיר זיך קערין צו דאס וואס מיר האבן אן גיפאנגן. עס איז ידוע אזו גוט אז יעדעם פערקרימונג ווערט גימאסטין לפי ערך דאס פאר קרימער די זעלביגע ווערט בערעכינט נאך די צייט אונ דעם ארט ווען אונ וואו עס איז גישעהן. בדמיון דיא עבירות לשון הרע

דכילות. קנאה שנאה ליצנות זיינן אלעמען בעקאנט וויא שווער זיי זיינן דאך איז קיין פערגלייך אין מיטן יאר אונ אין דער היים צו יום כפור אונ אין שול. דא אויך ווען איין אנדר מענטש אונ אפשר אפילו שלמה המלך ע"ה וואלט פיל וויין גיטרונקן אונ זיך מתחתן גיוועזין מיט פרעמדע טאכטער נור אין איין אנדר צייט וואלט דער חטא געווים ניט אזו לארימדיג גיוועזין פאר הקב"ה. אבער ווייל דאס איז גישעהן פון שלמה המלך אונ גראדע אין דיזע הייליגע צייט ווען ער האט פארטיג גימאכט דעם בית המקדש וואס דאמיט האט ער גימאכט אראפ נידערן די הייליגע השפעה אונ פועל גיוועזן דאס השי"ת זאל זיך מתחתן זיין מיט די קינדר ישראל אונ די שמחה איז פול גיווארין אין אלע עולמות אז דער זוהר הקדוש שרייבט אויך דער מדרש זאגט אין שמות רבה ביום חתונתו זה המשכן וביום שמחת לבו זה בנין בית המקדש דרום האט הקב"ה גיזאגט שלמי אקבל וועלכע שמחה זאל איך איצונד בעסער צו נעמען כלומר אזו איין הייליגע צייט אונ ער פאר ברייגגט גאר מיט פרעמדע טאכטער נא וויא גרויס איז דיא עולה. דאריבער איז שוין הקב"ה ברוגז גיווארין אונ גיטראכט וועגין חורבן בית המקדש ווייל דער ריח רע פון דעם חטא האט זיך פאר בריטערט גאנץ וויט:

## הפטרת שמיני

וחסדי לא יסור ממנו כאשר הסירותי מעם שאול אשר הסירותי מלפניך. דאס טייטש הקב"ה זאגט צו דוד המלך ע"ה מיין חסד וועט ניט אפ גיטאן ווערין פון דיין זון שלמה אזו וויא איך האב אפ גיטאן פון שאול המלך וועלכן איך האב אפ גיטאן פון פאר דיר. די מפרשים פרעגין די ווערטער אשר הסירותי מלפניך זיינן איבעריג. דר תירוץ איז מיט איין קורצין משל. איין זייגער מאכער האט גימאכט פאר זיך אין שטוב צוויא קונציגע זייגערס. פארין טויט האט ער צו גירופין דיא צוויא זין זיינע אונ זאגט אזו. איר זאלט וויסן זיין אז דיא דאזיגע צוויא זייגערס האבין ניט זייער גלייכן אין דער וועלט. על כן זאלט איר זייא היטין וויא צו האלטין אונ וויא צו שעטצין. אין אקורצע צייט זיינן זיי ביידע גיווארין יורדים אונ איטליכער האט פר קויפט זיין ירושה זייגער. אמאל זייגען ביידע ברידר צו זאמען גיקומן. דר צוייטער איינער איך האב פאר קויפט מיין זייגער גאר פאר איין קליינגקייט מחמת דר קונה איז קיין מבין ניט גיוועזין. אונ דער אנדערער זאגט איך האב די נארעשקייט ניט גיטאן נייערט פר קויפט איין גרויסין מבין אונ ער האט מיר טאקע גוט באצאלט וויא זיין ווערדע. ענטפערט דער ערשטער דיין חכמה איז אדרבה איין נארעשקייט ווייל פון זיין האנט וועסטו שוין קיין מאל ניט מער קענן אים אויס לייזין. אבר איך וויא נור איך וועל עפיס זיין פערמעגליך זא גלייך וועל איך מיין קונה אומקערין פיל ער האט מיר בעצאלט אונ ער וועט מיר צוריק אפ געבן מיין זייגער בשמחה רבה ווייל ער איז קיין מבין ניט אונ ווייס ניט וויא אים צו האלטין וועט ער ביי אים געווים ניט גיין אונ ער וועט רעכענן דאס ער האט זיך נאך גינארט. דער נמשל איז דאס עס איז גיוועזן צייטין וואס הקב"ה האט צוא גינומען אמייל מלוכה פון דודס קינדער אבער ער האט בכיון מיט חסד ארייין גיגעבין אין פראסטע הענט היינו צו די מלכי ישראל וועלכע דאס רוב זיינן זיי גיוועזן רשעים כדי עס זאל ניט לאנג דויערין ביי זיי. אבער אז ער האט צו גינומען דיא מלוכה פון שאול האט ער איבער גיגעבן צו דוד ע"ה דאס הייסט אין די האנט פון איין מבין דאס ביי אים וועט שוין די מלוכה בלייבין אויף אייביג. איצטער פר שטייט מען די כוונה פון פסוק וחסדי לא יסור וגו' ער מיינט ווען אפילו עס וועט זיך מאכין אויף איין ווייל וועל איך צו נעמען די מלוכה פון דיינע קינדער דאן וועל איך איבער געבין אין דיא הענט פון ניט קיין מבינים היינו רשעים וועלכע זיי וועלין ניט פאר שטיין וויא צוא שעטצין איר אונ פון זייא וועלין דיינע קינדר קענן באלד צוריק בעקומן. אבער ניט אין דעם אופן כאשר הסירותי מעם שאול וויא איך האב צו גינומן פון שאול המלך אשר הסירותי מלפניך דאס איך האב אפ גיטאן דיא מלוכה פון פר דיר. כלומר איבער גיגעבין אין דיא האנד פון איין מבין איין צדיק וויא דוא ביסט דאס ביי דיר וועט שוין די מלוכה פר בלייבין אויף דורי דורות:

אשת כי תזריע וגו׳ . דר מדרש זאגט עס איז גישריבן אין תהלים אחור וקדם צרתני דו האסט מיר באשאפין פון הינטין אונ אפריער . האט רבי יוחנן גיזאגט עס איז גימיינט אויב דער מענטש איז זוכה צוא זיין פרום ירשנת ער ביידע וועלטין עולם הזה אונ עולם הבא . אונ ווען חלילה ניט מוז ער אפ געבן דין וחשבון . אזו וויא דר פסוק זאגט ווייטער ותשת עלי כפכה דוא האסט אויף מיר גיטאן דיין האנד צום שטראפין . וויא אזו דער ווארט אחור הייסט דיזע וועלט אונ קדם יענע וועלט איז אזו . וויא עס איז ידוע ווען מען לויפט פון איינעם בלייבט יענער פון הינטין . אונ ווען מען יאגט אים נאך קומט ער אויס אפריער אונ דר כלל איז צוא באקומען עולם הבא מוז מען נינוג הארעווען אין עבודת הבורא יתברך אונ תמיד זיך נאך יאגין נאך תורה ומצות . אבר צו באקומען געלט . כבוד וכדומה הבלים פון עניני עולם הזה איז שוין אדרבה גאר אנדרם. היינו וואס מער מען אנטלויפט דער פון אונ מען לאזט זייא פון הינטין כדי דר עיקר זיך צו באהעפטין צוא השי״ת דורך תורה ועבודה גראד דאמאלס איז מען זוכה צו עושר וכבוד וויא עס איז גישריבן אין משלי רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד דאס טייטש דער וועלכער ער יאגט נאך צוא טאן צדקה אונ חסד אונ ווען זיך טראכט ער גאר נישט דאן וועט ער ממילא גיפינען לעבין אונ גוטס מיט כבוד . אויך זאגט דר פסוק וכל אץ אך למחסור ווען מען איילט זיך צו פרנסה איז דאס גאר אחסרון . אונזרע חכמים ז״ל זאגן כל הרודף אחר הכבוד הכבוד בורח ממנו וכל הבורח מן הכבוד הכבוד רודף אחריו דער וואס יאגט זיך נאך כבוד אנטלויפט דר כבוד פון אים אונ יענר וואס לויפט פון כבוד לויפט דער כבוד צוא אים . אין דעם דאזיגען זינען טייטשט רבי יוחנן דעם פסוק על דרך המוסר. אחור וקדם צרתני היינו דוד המלך ע״ה זאגט רבונו של עולם דו האסט מיר באשאפן באופן דאס אלס וואס זיינן שייך צו עולם הזה זאלן זיין אז מותרות אונ בלייבן ביא מיר פון הינטן . פר קערט אבר די ענינים פון עולם הבא זייא זאלין אימער שטיין פאר מיינע אויגין אונ אפריער דאן קען מען זוכה זיין ביידע וועלטן. ובאם לאו הייסט דאס מען מאכט פון עיקר איין טפל אונ פון טפל איין עיקר . דא וועט מען מוזין דרויף אפ געבין דין וחשבון וויא עס שטייט ותשת עלי כפכה :

אדם כי יהיה בעור בשרו וגו׳ . דאס טייטש ווען איינר וועט האבן שאת וספחת אזעלכע מיני נגעים . דר מדרש שרייבט דאס איז וואס דר פסוק זאגט אין משלי נכונו ללצים שפטים פר די לצים זיינן אן גיבורייט שטראף גיריכט . זאגט דר מדרש אמשל . אדוכסה איז ארין גיגאנגן צו דעם דוכס אין זיין פאלעץ אונ דר זעהען עס היינגט קנוטעס.האט זיא זיך דר שראקן האט ער זיך אפ גירופין דאס איז פאר דיא קנעכט אונ דינסטין אבער פאר דיר איז נור פערגניגן אונ פריילעכקייטין בערייט . כך וויא די ישראל האבן דר הערט דיא פרשת נגעים האבין זייא זיך דר שראקן האט משה גיזאגט שרעקט זיך ניט דאס איז נור פר רשעים אבר פר אייך איז אן גיבורייט עסין אונ טרינקן אונ שמחה . אזו וויא דר פסוק זאגט אין תהלים רבים מכאובים לרשע והבוטח בה׳ חסד יסובבנו פיל ווייטאגין פאר דעם רשע אונ דר וואס האט בטחון אין גאט ב״ה וועט ער אים ארום רינגלן מיט חסד . עס איז קשה וויא אזו זאגט דר מדרש דאס דיא ישראל וועלין גאר גישט גישטראפט ווערן וואס דאס איז נגד הנסיון . דען מיר גיפינן די גרוישע עונשין וועלכע זיי האבין גילייטין . בפרט דער פסוק זאגט אין קהלת כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא . אלא עס איז ניט גלייך דר עונש פון איין רשע גמור צו דעם עונש פון איינעם וואס ער איז איין מאל נכשל גיווארין אין עפיס איין חטא . אונ עס איז פר האנדן אלערלייא יסורים אזו וויא די גמרא שרייבט אין מסכת ערכין אז מען וויל ארויס נעמען פון קעסינע דרייא מטבעות אונ עס נעמט זיך ארויס נור צווייא הייסט דאס שוין אויך יסורים . דאס איז די

בונה פון מדרש . זייא האבן מורא גיהאט פילייכט וועלין זייא זיין אזו ווייט זינדיג דאס זיי וועלין מוזין גישטראפט ווערין מיט דעם שווערין עונש פון נגעים . האט משה רבינו ע"ה זייא ערקלערט דאס פאר זייא וועט זיין גינוג דער עונש אויב זייא וועט ניט דער גיין אזו גוט דר עסין אדער עטוואס איין שמחה ווייל זייערע חטאים וועלין ניט זיין אזעלכע וויכטיגע אזו וויא דיא רשעים :

# הפטרת תזריע

ונעמן שר צבא מלך ארם וגו' והאיש היה גבור חיל מצורע וגו' אחלי אדוני לפני הנביא וגו' אז יאסוף וגו' . דאס הייסט נעמן דר פעלד מארשאל פון מלך ארם איז גיוועזין איין גרויסער העלד אונ א מצורע. האט א מיידיל גיזאגט מיין הער זאל גיין בעטין בייא דעם נביא אלישע דאן וועט ער גיזונד ווערין . אויף די הפטרה איז דא פיל שאלות אונ מיר וועלין נור ברייגגן צווייא. ערשטינס ווארום דארף דער פסוק זאגין אז ער איז גיוועזין איין העלד . צווייטינס דער ווארט בעטין איז אין פלוג וויא איבעריג . גינוג עס זאל שטיין מיין הער זאל גיין צו דעם נביא . אום גרונטיג צוא פארשטיין דעם קאפיטיל איז נייטיג צו ברייגגן איין מעשה פון מדרש פרשה מצורע . איין בשמים קרעמר איז ארום גיפארן איבר שטעט אונ גישריען ווער וויל קויפין איין פראסיק צום לעבין האט זיך רבי ינאי ארין גישפארט צוא אים קויפין האט דר קרעמער צו אים גיזאגט דו אונ אלע לייטין דיין גלייכין דארפין דאס ניט . ער איז אבער דאך צו אים צו גישטאנען האט ער אים גיוויזין איין פסוק אין תהלים מי האיש החפץ חיים וגו' נצור לשונך מרע דאס איז טייטש ווער עס וויל לעבין זאל היטין דעם צונג פון שלעכטס . האט רבי ינאי גיזאגט ביז איצונד האב איך ניט פר שטאנען דעם פשט פון דעם פסוק דרום זאגט משה זאת תהיה תורת המצורע היינו מוציא שם רע כלומר נגעים קומט אויף דעם וואס זיין נאטור איז מוציא שם רע צו זיין אויף דעם חבר . דער מאמר איז זייער שווער צו פר שטיין אונ אלע מפרשים זאגין גינוג פשטים אויף אים . מיר וועלין אים רעכט מאכין מיט א קורצע מעשה . א דאקטער איז גיקומען צו איינעם א שווינדזיכטיגער ר"ל אונ האט אים קיין שום רעצעפט גישריבן ניי ערט ער האט אים פאר זאגט ער זאל קיין קנאה. שנאה קיין כעס ניט ברויכין. דר נאר וואס איז גישטאנען דר בייא האט זיך שטארק פר וואונדערט אונ זאגט דר דאקטער איז גאר גיווארן איין מגיד זאל ער גיין זאגין זיינע מוסר אין שול אונ ניט דא ביי דעם קראנקען . האט זיך איין קלוגער מאן אפ גירופין זאלסט וויסין זיין דאס מחמת כעס קנאה אונ שנאה וכדומה ווערט בייא א מענטשין צו קאכט די בלוט אונ פאר דארבין דאס איז איין גרם צוא שווינדזוכט . אונ ווען ער וועט זיך אויס היטין פון דיזע מדות רעות איז איין האפונג אז ער וועט גיזונד ווערין . דיא זעלביגע רייד זאגט די גמרא אין מסכת ערכין . צרעת קומט פון לשון הרע. פון גאוה אונ פון ניט פארגינען יענעם . ווייל דר פון ווערט פשוט די גיבלוט צו קאכט אונ פאר דארבין . דאס האט אויך גימיינט דר בשמים קרעמער פשוט . אבער רבי ינאי האט ביז די צייט גילערינט דעם פסוק מי האיש החפץ חיים גאר אויף חיי העולם הבא דרום איז איצונד דאס גיוועזן בייא אים א גרויסער נייעס. דאמיט וועט שוין רעכט ווערין אונזער הפטרה והאיש היה גבור חיל מצורע כלומר ער איז גיווארין קרעציג נור מחמת ער איז גיוועזין איין גבור אונ בייא זיך זייער שטאלץ דרום האט מען אים גיהייסין ער זאל זיך מכניע זיין אונ גיין בעטין בייא דעם נביא . עס איז גימיינט ער זאל פשוט אוועק ווארפין די מדה רעה פון גאוה דאמאלס קען ער גיזונד ווערין אונ אנדערש ניט . אזו וויא די חכמים זאגין אין פרקי אבות קנאה אונ תאוה אונ כבוד פירן איבר איין מענשין פון דר וועלט. אונ לסוף אז ער האט אזו גיטאן אונ גיפאלגט דעם נביא איז ער טאקי גיזונד גיווארין וויא ווייטער אין דעם קאפיטל שטייט :

# פרשת מצורע

**זאת** תהיה תורת המצורע דר מדרש טייטשט מצורע מוציא רע דאס הייסט דר מצורע ברייגגט ארויס בייזעס אויף דר וועלט . דר גידאנקען פון מדרש ווערט פערשטענדליך מיט איין משל. די אברים פון מענטשין האבן זיך איין מאל צווישין זיך מתווכח גיוועזין ווער פון זיי איז וויכטיגער. די הענט האבן גזאגט. נאטירליך זיינן מיר וויכטיגער . דען ווען מיר וואלטן ניט גיארבייטעט דאן וואלט איר אלע אויס

זינאנגן פון הונגער . די פיס זאגין ניין מיר . וייל תמיד גייען מיר ארום אין אלע גישעפטין . דר קאפ זאגט געוויס בין איך דר מלך איבר אייך אלעמען וייל איך בעטראכט מיט מיין מוח אויף אלם דינג . די מויל זאגט דר הויפט בין איך מיט מיין געשליפענעם צינגעלע . דר צו שפייז איך אייך אלעמען דורך מיין עסין אונ טרינקען . די הארין זאגט דאכט זיך איך בעזארג אלעם אונ טייל אויס בלוט אונ ערנערונג צו אלע אברים . דר מאגן זאגט איך צו קאך דיא שפייז . די אויגין זאגין נור מיר באקוקין אלם דינג . דאס גלייכן די איבריגע גלידער יעדערער מיט זיין שפראך . בקיצור עס איז דער פון גיווארין גרויס מחלוקת אונ יעדערער האט אויף גיהערט אויף להכעיס די חברים זיינע צו טאן די פעולה וועלכע עס איז שייך צו אים כדי צו ווייזן אז אן אים איז גאר נישט . די הענט האבן אויף גיהערט טאן . די פיס צו גיין . דיא קאפ צו בעטראכטין אונ אזו ווייטער . ביז לסוף זייגען זייא אלע פאר דארבין גיווארין אונ אויס גיגאנגען מיט דיא כחות . דער ענין דר פון איז אזו . די בריאה בכלל איז נור לטובת העולם אונ דיא גאנצע וועלט איז גלייך אזו וויא איין מענטש . איטליכר האט אין זיך איין מיט געבארענעם שלימות אונ איין פעהיגקייט אום צו ברייגגען נוטצין אין דר וועלט מער אז דר צווייטער . אונ אויב מען לעבט בשלום ואחדות דאס איטליכער באזונדר היט צו טאן דיא זאך צו וואס ער איז פון נאטור בעשטימט גיווארין לקיום העולם דאן איז אטובה פאר די גאנצע וועלט בכלל אונ פאר זיך זעלבסט בפרט וייל פון דעם פרט ווערט אויס גיבויט דער כלל וועלט . וואו אבר עס מישט זיך אריין קנאה . שנאה ופירוד לבבות דאס מען וויל ניט טאן לטובת דעם חבר אונ לטובת הכלל דא גייט די וועלט הערונטער אונ ממילא גייט אונטר יעדער איינציגער באזונדר אויך . וויא שלמה המלך ע"ה שרייבט אין משלי ורקב עצמות קנאה פון קנאה פוילט די ביינער גלייך אז די הענט

דיא מויל ווען זייא הערין אויף טאן זייערע פעולות ווערין זיי פארדארבין צו גלייך אז די איבעריגע אברים וויא קהלת זאגט ויתרון ארץ בכל הוא די נוטצין פון דר וועלט באשטייט אין אלעם בכלל . איצונד וועלין מיר זיך קערין צו דעם ענין פון די פרשה . די גמרא אונ מדרשים שרייבן דאס צרעת קומט אויס קנאה . שנאה . לשון הרע וכדומה מדות רעות וועלכע זיינען שייך בין אדם לחברו . וועלכע מחמת זייא ווערט אלעם פערדארבין . וויא אויבין איז ערקלערט גיווארין . דאס אלעם לערנען אונז די היילינע חכמים אין צווייא ווערטער מוציא רע . כלומר פון דעם בעל מקנא קומט ארויס אלע רעות אויף דר וועלט איין היפך פון די כוונת הבריאה דאס אלסדינג זיינען בעשטימט גיווארין אום צו בריינגען נוצין אונ טובות דר דעם כלל . אויך קומט דר פון ארויס אמוסר השכל וויא וייט מען דארף זיך מרחיק זיין פון די מדה רעה קנאה דען לבד דיא עבירה איז מען אויך זיך זעלבסט דאמיט מער גורם רעה אלם צו דעם חבר וועלכין מען איז אים מקנא . אזו וויא דר פסוק זאגט ורקב עצמות קנאה . אבר אויף דעם גוטין מענטשין איז גישריבין טוב עין הוא יבורך . אונ דר עיקר מעבטיקייט פון איין פאלק בעשטייט אויף אהבה אונ שלום וויא אין פסוק שטייט ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום :

כי תבאו אל ארץ כנען וגו' ונתתי נגע צרעת בבית וגו'

גאט זאגט ווען איר ווערט קומען אין דיא לאנד כנען וועל איך געבין איין נגע צרעת אין די ווענט פון דיא הייזער . דער מדרש שרייבט דאס מיינט דר פסוק אין איכה טוב ה' לקויו דאס טייטש גאט איז גוט צוא זיינע האפער . נוא וואלט איך אפשר וועלין מיינען דאס ער איז טאקי גוט פר אלעמען . דרום שטייט ווייטער לנפש תדרשנו היינו ער איז נור גוט ווען דר נפש פאדערט אים אויף . דעם מדרש צו לערנען פשוט איז אזו . דען אונזרע אלע בקשות פון הקב"ה ווערין איין גיטיילט אין צווייא טייל . ערשטין די ענינים גשמיים וועלכע דער גוף

פאדערט דהיינו געלט כבוד אדר בעהיט זיין פון דאס וואס ניט גוט איז וכדומה. צווייטינס ענינים רוחניים תורה. מצות ומעשים טובים דאס הייסט אלעס וואס דער נפש אונ דיא נשמה פאדערט פון השי"ת דאס ער זאל שטארקין אונזרע הערצער צו גיין אין זיינע גוטע וועגין. דר חלוק צווישין ביידערלייא בקשות איז דאס. דיא הצטרכות צום נפש קענען מיר בעטין בדרך פרט. למשל מיר קענען מתפלל זיין רבש"ע העלף אונז אוים צו פירין יענע אונ יענע געוויסע מצוה ווייל עס איז קיין ספק ניט אז נור אמצוה איז גוט צום נפש. אבר אין די שייכות פון גוף טאר מען ניט בעטין בפרט אונ זאגין רבש"ע העלף אונז אין יענעם עסק. ווייל מיר זיינען אין דעם גאר וויא בלינדע. אונ דאס וואס אונז זעהט אוים איין טובה קען גאר זיין ארעה אונ איין רעה פארקערט איין טובה. דרום זאגין מיר מלא משאלותינו לטובה דאס טייטש דר פיל אונזערע גיבעט אויב זייא זיינען פאר אונז לטובה ווען ניט זאלסטו אונז גאר ניט צוא הערין אונ טוא אדרבה וויא דוא פר שטייסט נור בכלל מאך עס זאל פר אונז גוט זיין. דא אויך איז די רעה פון נגעים נאר גיוועזן איין טובה איין התעוררות צו תשובה וויא דער מדרש פירט אוים נייטער. דרום דא אין די פרשה נגעים הייבט אן דער מדרש מיט דעם פסוק טוב יי׳ לקוי נאט ב"ה איז גוט צו זיינע צדיקים וועלכע בעטין אונ האפין צו אים דאן איז ער ממלא זייער רצון. זאגט דער מדרש נייטער יטול לכל איך וואלט אפשר וועלן מיינען אז אויף אלעס כלומר אפילו ווען זייא בעטין וועגין די הצטרכות הגוף איז ער אויך תמיד ממלא זייער רצון. דרום שטייט אין סוף הפסוק לנפש תדרשנו דווקא ווען דר נפש פאדערט זיינע הצטרכות דאן ענטפערט נאט ב"ה ווייל דאס איז אימער לטובה. אבער וועגין דיא וועלטליכע זאכין ניט אפט אז אצדיק תמים איז מתפלל אונ ער איז גאר ניט פועל מיט זיין תפלה ווארום הקב"ה זעט איין אז דאס

לוינט ניט פר דעם צדיק אונ דאס וואס אים דוכט זיך אטובה איז איין רעה. אונ פר קערט איין רעה איז אדרבה גאר איין טובה. נאך אפשט אויף דעם פסוק כי תבאו אל ארץ כנען וגו׳ ונתתי נגע צרעת וגו׳ דען דר מדרש פרעגט וכי בשורה טובה היא זו דאס הייסט הקב"ה זאגט אז איר וועט קומען אין ארץ ישראל וועל איך געבן נגעים אין אייערע הייזר. נוא איז דען נגעים אין אהויז אגוטע זאך דאס הקב"ה זאגט דאס אן די בשורה אפריער אז עס וועט אזו גישעהן. נאר כדי מקרב אל השכל צו זיין דאס עס איז טאקע יוא איין בשורה טובה וועלין מיר מקדים זיין אמשל. איינעם האט אפ גינומען אהאנט רחמנא ליצלן אונ פיל תחבולות אונ זאלבין וואס דיא דאקטורים האבן אים צוא רעכט גימאכט האט אלס ניט גיהאלפין דען זיא איז גיוועז וויא אהאלץ אונ ער האט אין איר קיין שום מאכט אונ הרגשה ניט גיהאט. אמאל האט זיך גיטראפין דאס איינער האט אים אין האנט אקלאפ גיטאן אונ בעת מעשה האט ער גיפילט גרויסע שמערצין דאן איז ער גיווארין מלא שמחה ווייל דאס איז איין סימן אז דיא האנט זיינע איז שוין גיזונט גיווארין גלייך אז זיין גאנצר קערפער אונ דרום פילט ער דעם ווייטאג פון אקלאפ וויא דר שטייגער פון אגיזונטע האנט. דער ענין דער פון איז דאס דיא חכמים ז"ל דרשנן אויף דעם פסוק אין חבקוק עמד וימודד ארץ דאס הקב"ה האט אוים גימאסטין אלע לענדר פון דר וועלט אונ האט ניט גיפונען איין פאסיגע מדינה פיר דיא ישראל בייערט ארץ ישראל ווייל זיא איז ריכטיג געשאפין ברוח נבואה וקדושה וטהרה אלעס וויא עס זאל גוט זיין פיר זייערע נשמות אונ זיי מיט די לאנד זיינן ביידע כמעט צו זאמען וויא איינס. אונ ווען מיר האבין עפים גיזינדיגט אזו באלד האט זיא שוין אויך מיט גיפילט פון די יסורים אונ אויף די ווענט איז שוין גיווארין נגעים וואס אין קיין אנדערע מדינה איז דאס ניט גישעהן גיווארין. אם כן איז דאס אבשורה טובה ווייל

עס

עס איז איין מופת וויא היילינ דיא לאנד איז אונ וויא זייער גוט אונ בעהילפיג זיא איז צו ברייננען נבואה אונ רוח הקודש פאר דאס פאלק ישראל :

# הפטרת מצורע

וועון שבת הגדול גיפאלט פרשה מצורע (היינו אין איין עבור יאר) לייענט מען אין דאס רוב קהלות די הפטורה פון שבת הגדול זיא איז געדרוקט צום סוף ספר שמות :

וארבעה אנשים היו מצורעים פתח השער עס טייטש פיר מצורעים זיינען גיזעסין בייא דעם טויער פון דר שטאט שומרון וויא דר דין איז פון מצורעים דאס זייער ארט איז געווען מחוץ למחנה . אין מסכת סנהדרין זאגט רבי יוחנן דאס איז גיוועזן גיחזי מיט זיינע דרייא זין וועלכער דער נביא אלישע האט אים פר שאלטין מיט צרעת פאר וואס ער האט גינומען איין מתנה פון דעם מצורע נעמן הארמי נאכהער וויא דר נעמן איז גיזונט גיווארן דורך אלישעס עצה וויא עס איז גישריבן אין דעם פאריגען קאפיטל אלישע האט גיזאגט וצרעת נעמן תדבק בך ובזרעך לעולם וגו' . אונזערע היילינע חכמים ז"ל לערנן אונז איין כלל אין מקרא יוצא מידי פשוטו דאס הייסט אין גאנץ תנ"ך בעדארף מען פריער זעהן צו פר שטיין גוט דעם פשט אונ נאכהער קען מען ערשט אן פאנגען קלערין טיפער אויף דיא אנדערע דרייא אופנים פון דעם היילינין למוד וועלכע בכלל ווערן זייא אן גירופין פרד"ס דאס איז גימיינט איין ראשי תיבות פריער פשט נאכהער רמז , דרוש , סוד , דאהער ווילין מיר דא ברייננען דיא שווערע פראגען פון די פשטנים היינו ערשטינס וויא דר פשוטער שכל ווייזט האט דר גיחזי גאר ניט אזו שטארק פערזינדיגט דאמיט וואס ער האט גינומען פון נעמן די מתנה דאס עס זאל אים קומען דאפיר אזו איין שווערן עונש אויף קינדס קינדר . צווייטינס וויא אזו פאסט גלאט דאס איין צדיק זאל שילטן . אזו וויא שלמה המלך ע"ה זאגט גם ענוש לצדיק לא טוב וגו' דאס טייטש אפילו וואו על פי יושר קומט יענעם צוא בעשטראפן אבר דר צדיק דארף דאס ניט טאן אונ דרום זאגט טאקי דיא גמרא דארטין אז אלישע איז צו ליב דעם גיחזי קראנק גיווארן . אונ רבי יוחנן דער ציילט אויף גיחזי אנדערע דריי חטאים . היינו ער האט צו רעכט גמאכט מיט אמאגנעט עס זאל שטיין אין דר לופטן די גאלדענע קאלב וועלכע ירבעם בן נבט האט אוועק גישטעלט פאר איין עבודה זרה פאר די ישראל . אדער ווייל אין מויל בייא איר האט ער אויס גיקריצט איין שם אונ זיא האט גישריען די ערשטע צווייא מצות פון עשרת הדברות . אנכי . ולא יהיה לך . אונ אטייל זאגין זיין חטא איז גיוועזין ווייל ער פלעגט ניט אריין לאזין די תלמידים לערנן ביי אלישע. דריטינס איז קשה ווארום אין תחלת איז נעמן ניט אריין צו אלישע אז דער פסוק זאגט ויבא נעמן וגו' ויעמד פתח הבית אונ וויא ער איז גיזונט גיווארן איז ער יוא אריין וויא עס שטייט ויבא ויעמד לפניו . פערטינס עס שטייט אלישע האט גיזאגט צו גיחזי העת לקחת וגו' וצרעת נעמן תדבק וגו' דאס טייטש איז דען איצטער דיא צייט צו נעמען פון אים געלט אונ קליידער אונ דיא צרעת פון נעמן ועט זיך אן קלעפין צו דיר . נון שיקט זיך ניט וואס זאגט ער עפים איז דען איצטער די צייט דר פון . איז דר משמעות דאס אין איין אנדער צייט וואלט יוא רעכט גיוועזן צו נעמען פון אים . ווידער פון דעם לשון וצרעת נעמן תדבק וגו' זעהט אויס דאס ער מיינט גאר ניט אים צוא פלוכין נייערט ער זאגט אים וואס עס וועט זיין ווארום אז ניט האט בעדארפט שטיין אין פסוק ויקללו ויאמר צרעת נעמן תדבק בך וגו' וויא מיר גיפינן אין קאפיטל ב' בשעת ער האט גישאלטין די קינדער פר וואס זייא האבין אים גיזידילט שטייט ויקללם בשם וגו'. די פיר הארבע קשיות וועלין מיר פר ענטפערין פשוט מיט איין קורצין משל . אפאטער האט פערזאגט זיינעם אקינד ער זאל זיך ניט דר וועגן צו גיין אין יענעם אונ יענעם געוויסען ארט אונ אויב יוא וועט ער געווים דארטין אנידר פאלין אונ זיך קאלעצען . דאס קינד האט אים ניט גיפאלגט ער איז גראד אהין גיקראכין אונ איז טאקע אריין גיפאלין אונ האט זיך זייער צוא קלאפט . רופט זיך אפ דאס קינד . איצטר זעהע איך וויא זעהער מען מוז פאלגן דעם פאטר וואס נור ער פר זאגט.דען ער איז גאר איין וואהרער נביא . ענטפערט אים דר חבר זיינער דאס איז מער ניט אז געניטקייט דען ער ווייס פון לאנג אן דאס אין יענעם ארט איז דא איין בארעקטע גרוב מיט אשוואכין צודעק פון אויבין גאר ניט קענטיג אונ דרום ביסטו דארטין אריין גיפאלן .

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹ. צוּ אֱלִישָׁע אִיז נִתְגַלֶה גִיוָוארִן בִּנְבוּאָה דָאס דֶער נַעֲמָן אִיז קְרַאנְק גִיוֶועֶן אוֹיף אַזוֹ אַמִין קְלֶעפִּינְן צָרַעַת ר״ל דָאס עֶס אִיז אַסַכָּנָה צוּ נִיטְצִין אַלְס דִינְג וָואס נוּר עֶר הָאט אָן גֶערִירְט. דִי פְּלַאגֶע אִיז בֶּעווּאוּסְט אִין דִי לֶענְדֶער פוּן אַזְיָא אוּנ אַפְרִיקָא. דְרוּם הָאט אֱלִישָׁע נִיט גִוָואלְט עֶר זָאל צוּ אִים אַרַיין גַיין אוּנ הָאט זִיךְ גִיהִיט פוּן אִים צוּ נֶעמֶן וָואס עֶס אִיז. דֶר גֵיחֲזִי הָאט אָבֶּר דָאס נִיט פַר שְׁטַאנֶן עֶר הָאט גְמֵיינְט אֱלִישָׁע נֶעמְט נִיט מַחֲמַת עֶפִּים אַיין סוֹד זַאךְ אוּנ אַיין סְגוּלָה מַעֲשֶׂה. אוּנ וַוייל עֶר אִיז קַיין שְׁטַארְקֶער מַאֲמִין גִיוֶועזִין אִין אַזֶעלְכֶע עִנְיָנִים. וִויא דִי גְמָרָא דֶר צֵיילְט פוּן אִים. הָאט עֶר זִיךְ דֶר פוּן אוֹיס גִילַאכְט אוּנ אִיז אוּנְטֶער גִילָאפִין אוּנ יוֹא גִינוּמֶן פוּן אִים. דָאס זָאגְט אֱלִישָׁע הַעֵת לָקַחַת אֶת הַכֶּסֶף וגו׳ כְּלוֹמַר אִיצוּנְד וִויא אַלֶע זַיינֶע חֲפָצִים זַיינֶען שְׁטַארְק פַאר גִיפְּטֶעט פוּן זַיין קְרַאנְקַייט וִויא אַזוֹ נֶעמְסְטוּ פוּן זַיין הַאנְט זִילְבֶּער אוּנ קְלֵיידֶער וְצָרַעַת נַעֲמָן תִּדְבַּק בְּךָ וגו׳ דְרוּם זָאג אִיךְ דִיר דָאס עַל פִּי דֶרֶךְ הַטֶבַע וֶועסְטוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבִּין אָן גֶעשְׁטֶעקְט מִיט זַיינֶע צָרַעַת דֶען דוּא הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אָן גִינוּמֶען פוּן אִים אוּנ פוּן דִיר וֶועלִין זִיךְ דַיינֶע קִינְדֶער אָן נֶעמֶען. אוּנ אַזוֹ אִיז טַאקֶע גִיוֶועזִין צוּם סוֹף. דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן דִיא מַעֲשֶׂה בְּדֶרֶךְ פָּשׁוּט:

## פרשת אחרי מות

וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן דֶער מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אָן גִיהֵייבִּין דַרְשְׁנֶן דִי סֶדְרָה מִיט אַיין פָּסוּק פוּן קֹהֶלֶת הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל מִקְרֶה אֶחָד לַצַדִּיק וְלָרָשָׁע אַלֶע זַיינֶען גְלַייךְ אַיין צוּ פַאל אִיז פַאר דֶעם צַדִיק וִוי פַר דֶעם רָשָׁע. דָאס אִיז גִימֵיינְט דִי זִין פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אוּנ דִי חֶבְרָה בַּעֲלֵי מַחֲלוֹקֶת פוּן קֹרַח דִי זַיינֶן אַרַיין מַקְטִיר זַיין פַאר גָאט קְטוֹרֶת דוּרְךְ מַחֲלוֹקֶת אוּנ יֶענֶע אָן אַשׁוּם מַחֲלוֹקֶת אוּנ דָאךְ זַיינֶען בֵּיידֶערְלֵייא גְלַייךְ דָארְטִין פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארִין. דֶר מֶדְרָשׁ פַאר שְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַמָשָׁל. אֵיינֶער אַשְׁווִינְדְזִיכְטִיגֶער פוּן אַקְלֵיין שְׁטֶעטִיל אִיז גִיקוּמֶען אִין אַיין גְרוֹיסֶע גָארְקוּכְנֶע פוּן אַבְרֵךְ גָדוֹל אוּנ הָאט בַּשְׁטֶעלְט מֶען זָאל דָארְטִין פַר אִים קָאכִין עֶסִין בְּאוֹפָן עֶס זָאל נִיט אַרַיין קוּמֶן דָארְטִין קַיין שׁוּם מִין

בְּשָׂמִים. זִיטְצֶענְדִיג דָארְטִין הָאט עֶר דֶר זֶעהֶן מֶען שְׁטוֹיסְט בְּשָׂמִים אִיז עֶר בְּרוֹגֶז גִיוָוארִין אוּנ הָאט אָן גִיהֵייבִּין אַרוֹיס צוּ גַיין. פְרֶעגְט אִים דֶער מְשָׁרֵת דִי סִבָּה דֶר פוּן. עֶנְטְפֶערְט עֶר וֶוען דֶר דָאקְטֶער הָאט מִיר אַזוֹ שְׁטְרֶענְגֶע פַר בָּאטִין פוּן אַלֶע מִינֵי גֶעוִוירְצֶן נוּן וִויא קֶען אִיךְ דָא עֶסִין אַייֶערֶע גֶעוִוירְצְטֶע מַאֲכָלִים. הָאט זִיךְ דֶער מְשָׁרֵת פַאנַאנְדֶער גִילַאכְט אוּנ זָאגְט צוּ אִים דוּ קְלֵיינְשְׁטֶעטֶעשֶׁער שׁוֹטֶה. אִיז דֶען אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע גָארְקוּכְנֶע נוּר פַר דִיר אַלֵיין גִימַאכְט גִיוָוארֶען. דָא גֵייֶען צוּם טִישׁ פִיל הוּנְדֶערְטֶע אוֹרְחִים פוּן פַרְשִׁידֶענֶע נַאטוּרִן אוּנ דָאס וָואס טוֹיג נִיט פַאר דִיר אִיז אָפְט נֵייטִיג פַר פִילֶע אַנְדֶערֶע לַייטִין. אָבֶּר בִּכְלַל מוּז זִיךְ בַּייא אוּנְז גִיפִינֶן שְׁפַּייזִין אוֹיף אַלֶערְלֵייא אַרְטִין מִיט בְּשָׂמִים אוּנ אָן בְּשָׂמִים. דֶר נִמְשַׁל אִיז. אַזוֹ גוּט וִויא אִין דֶער נַאטוּר אִיז קַיין אִיבֶּערִיגֶעס בֶּעשַׁאפִין גִיוָוארִין נֵייעֶרְט אַלֶעס אִיז נֵייטִיג צוּם קִיוּם הָעוֹלָם אוּנ אוֹיבּ עֶס נוּטְצְט נִיט אִין דִי צַייט אוּנ פַר דֶעם מֶענְטְשִׁין אִיז גֶעוִוים דָאס נֵייטִיג פַאר אַיין אַנְדֶער צַייט אוּנ פַר אַיין אַנְדֶר מֶענְטְשִׁין. וִויא דֶר מֶדְרָשׁ זָאגְט אִין קֹהֶלֶת אוֹיף דֶעם פָּסוּק וְיִתְרוֹן אֶרֶץ בַּכֹּל הוּא אֲפִילוּ דִיא זַאכִין וֶועלְכֶע עֶס זֶעהְט אוּנְז אוֹיס פַר מוֹתָרוֹת זַיינֶן זַייא אוֹיךְ זֵייעֶר נֵייטִיג אִין דֶר וֶועלְט אוּנ בִּכְלַל מוּז מֶען אַלֶעס הָאבִּן אַזוֹ וִויא דִי גְמָרָא הַקְדוֹשָׁה רֶעכִינְט אוֹיס אִין מַסֶכֶת שַׁבָּת כַּמָּה מִינֵי פְּלִיגִין אוּנ קְלֵיינֶע מוּקִין וִויא נֵייטִיג זַייא זַיינֶן צוּ כַּמָּה רְפוּאוֹת נוּר מִיר מֶענְטְשִׁין נִיט מִיר פַאר שְׁטֵייעֶן דִי סוֹדוֹת פוּן הַשְׁגָחָה וְהַנְהָגָה הָעֶלְיוֹנָה אוּנ נִיט דִיא פַאר בָּארְגִינֶע סוֹדוֹת אִין חָכְמַת הַטֶבַע. דְרוּם זֶעהְט אוּנְז אוֹיס אַלֶעס עֶפִּים אַז נִיט רֶעכְט אָדֶר נִיט נֵייטִיג. דֶר מֶדְרָשׁ בְּרֵיינְגְט דָא אוֹיךְ אוֹיף דֶעם פָּסוּק הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל וגו׳ דָוִד הַמֶלֶךְ ע״ה הָאט אָן גִיהוֹיבִּין בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ הָאט גִיקִינִיגְט פֶערְצִיג יָאר אוּנ נְבוּכַדְנֶצַר הָאט אִים חָרוּב גִימַאכְט אוּנ אוֹיךְ גִיקִינִיגְט פֶערְצִיג יָאר. כְּלוֹמַר אַזוֹ נֵייטִיג וִויא דָוִד אִיז גִיוֶועזִין צוּ זַיין דוֹר דָאס גְלַייכִן נְבוּכַדְנֶצַר אִין זַיין דוֹר.

און

אונ דר עיקר זעהט די השגחה העליונה וואס פר דעם כלל איז נייטיג אונ אלעם אין איינעם ווערט דאס רעכט. איצונד וועלין מיר ריידין וואס עס איז שייך צו דיא סדרה. מיר זעהען דאס דורך דיא מיתה פון דיא בני אהרן איז ארויס גיקומען גרויס קדוש השם וויא עס שטייט אין פרשה שמיני בקרובי אקדש. אונ אזו אויך בעת די מיתה פון דיא עדת קרח. נאר אין אנפאנג איז נייטיג גיוועזן עס זאל גישעהן דר קידוש השם דורך די מיתות פון די צדיקים אונ לסוף דורך די גימיין בעלי מחלוקת קרחס קומפאניע (וויא מיר האבין אמאל שוין גישריבן אין דעם ענין) אונ בכלל איז דאס נייטיג גיוועזן צו הנהגת העולם. וויא עס איז מחייב די חכמה פון די השגחה העליונה. נור ווייל מענטשין ווייסין מעהר ניט איטליכער פון זיך בפרט דאס יעדערער מיינט די גאנצע וועלט איז בעשאפן גיווארין נור צו ליב איהם קוקט ער אריין אין די וועלט וויא יענר שוטה אין די גרויסע רעסטוראציאן. דרום דרשינט רבי שמעון דעם פסוק מקרה אחד לצדיק ולרשע אויף די בני אהרן מיט די עדת קרח צו ווייזין דאס די טרעפונג. פון זייא אלעמן איז נייטיג גיוועזן פאר דעם כלל הנהגת העולם. אויך דרשינט דר מדרש אויף דעם פסוק הכל כאשר לכל וגו' כטוב כחוטא דאס טייטש דעם גוטין מאן טרעפט גלייך אזו וויא דעם זינדיגען. כטוב איז גימיינט דוד המלך ע"ה אז עס איז ביא אים גישריבן (אין שמואל) והוא טוב רואי. כחוטא דאס איז נבוכדנצר וויא דניאל האט צו אים גיזאגט וחטיך בצדקה פריק ריינע זינד זאלסטו אויס לייזן מיט צדקה. דוד האט גיבויט דעם בית המקדש אונ האט גיקיניגט פערציג יאר. נבוכדנצר האט חרוב גימאכט דעם בית המקדש אונ אויך גיקיניגט פערציג יאהר. אין דעם דאזיגין קורצין מאמר איז דא צוא גיפינען אגרויסע רפואה צו די טייערע מדה פון בטחון. אויך איין קלארע בחינה וויא אזו מקבל באהבה צו זיין וויא עס מאכט זיך מיט אמענטשין אין גאנצין לעבין. אויך עפעס פר גרינגרין די אלטע שווערע שאלה. ווארום זעהן מיר אפט דאכט זיך אז פר קערט חלילה אין די פירונגען פון דיא השגחה דאס הייסט דעם צדיק גייט ניט גוט אונ דעם רשע זייער גוט אדרבה. דאס ווערט רעכט מיט אמשל. איינר האט גימאכט אגרויסן מאלצייט פר די בעסטע גוטע פריינד זיינע. דר אונטר האט ער אויך פר בעטין זיינעם איין גיוויסין בלוט שונא. דער בעל שמחה האט אים גילאזט זעטצין אין רעכטין אויבין אן אונ פערזאגט דיא סארווער מען זאל אים געבין פון דאס פעטסטע אונ פון דאס בעסטע. נאטירליך איז דאס ביא אלע געסט גיוועזין איין טיפע רעטינעס. וואס איז אבר דר סוף גיוועהן מיט דעם פארבאטענעם שונא. ער איז נאכהער דר פון גיפערליך קראנק גיווארן ווייל ער איז גיוועזן פון נאטור אגרויסער זולל וסובא האט ער גיגעסין גיטרונקען איבערין מאס צום אונגליק האט ער שוין גיהאט פון לאנג אן אפערדארבינעם מאגין. פון זיין ביטערין סוף האבן שוין דאן אלע פערשטאנען דאס דיא כונה פון דעם בעל שמחה אין אן הייב איז ניט גיוועזן פון זיין שונאס טובה נאר נייערט פון זיין רעה וועגין. דר נמשל איז די הנהגה פון השי"ת מיט דעם רשע. ווען מיר דארפין גלויבין דאס אלע מעשים פון הקב"ה אויף דר וועלט זיינן בוודאי נור לטובה אונ פון הימיל נידערט קיין רעה ניט אראפ. נור עס ווענט זיך אין וועלכע הענט זייא קומן אריין. בדמיון ווען איין אכזר איין פאלשער מענטש ווערט רייך אדער ער באקומט עפים התמנות דאן ווערט דאס ביא אים אין האנט גיווער אויס צו פירין דעם רצון פון זיין ביז הארץ. למשל המן הרשע וואס דאס איז גיוועהן איין סבה צו זיין מפלה. אבער ווען דר צדיק תמים איז אין דלות ושפלות ווערט פארקערט די אלע רעות צו טובות. צום ביא שפיל רבי חנינא בן דוסא. דר תנא הלל. רבי אלעזר בן פדת. זייער דלות האט מען ניט גיקענט אן רופין שלעכטעס ווייל זיי זעלבסט האבין גיווים קיין

עשירות וגדולה פאר לאנגט פון הקדוש ב"ה
דען זייער תשוקה איז נור געוועזן צו טאן רעכט
אונ טובות אין דער וועלט אונ מיט זייערע
ליידין האבין זייא נאך מער טובות אויס
גיווירקט פר לייטין וויא מיר גיפינען אין מסכת
תענית דער בת קול האט גיזאגט כל העולם ניזון
בשביל חנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת
לערב שבת דאס הייסט צו ליב דעם זכות וואס
רבי חנינא איז זיך מסתפק מיט אטאפ
באקקארין אויף אגאנצע וואך דרום האבין
אלע לייטין פרנסה בהרחבה . דאס איז דער
טייטש וואס די חכמים ז"ל זאגין דאס די רשעים
פאר קערין מדת הרחמים צו דין אונ צדיקים
מאכין פון דין רחמים . די רייד מיינט אונזר
מדרש כתוב כחוטא היינו עס זאל קיין וואונדר
זיין דאס דר גוטר אונ פרומער מלך דוד מיט
דעם זינדיגין אכזר נבוכדנצר האבין ביידע
גיפירט זייערע ממשלות אין גלייכע צייטין .
דען דודס מלוכה איז גיוועזן אסבה צום בנין
בית המקדש אונ צו פיל מעשים טובים דאס
דורך דעם איז ער גליקליך גיווארן אויף אייבג.
אבר נבוכדנצר האט מען גשטאפט מיט נחת
אונ גדולה כדי עס זאל אים דאס פאר שאטין
אונ דר פון קרייגקן ווייל ער האט פר ברויכט
די גרויסע דויערהאפטיגע מלוכה זיינע אלס
געצייג וויא אויס צוא פירין דער מיט אלע
אכזריות ומעשים רעים היינו חורבן בית
המקדש וכדומה אונ דר פון איז ער גיווארן
אויס גיריסין לעולמי עד :

רבי אבא בר כהנא הייבט אן דרשנן אין
מדרש פון די פרשה אחרי מות שני בני אהרן
מיט דעם פסוק פון קהלת לשחוק אמרתי מהולל
ולשמחה מה זה עושה אונ טייטשט אזו אם הדין דחוכא
מעורב חדותא מאי סהניא ווען דיא פרייליכקייט
פון דער וועלט איז נור צו מישט טוא וואס
נוטצט שמחה אין דר וועלט . דר תנא מיינט
צו זאגן מוכר די לייטן וועלכע זייער שטייגער
איז בעת עס טרעפט זייא עפעס איין צער
ודאגה זעטצין זייא זיך שפילין אין קארטין
אדער זייא גייען אין טעאטער וכדומה כדי
צו פר געסין דר ווייל די טרויערקייט . אבר
באמת איז דאס קיין רעכטע פעולה ניט
אזעלכע ענינים והבלים זיינן נור אויף דער
ווייל מבלבל דעם מוח אונ נאכהער קריינקט
דאס הארץ וויא פארהער. נייערט די בעסטע
תרופה ווען מען דיינקט דאן אין דיא הקירות
ונחמות וואס דיא תורה הקדושה אויך דיא
חכמים ז"ל האבין וועגין דעם גישריבין .
דאמאלס דר זעהעט יעדערער אין זיין אופן
וויא ריכטיג עס איז דאס מפי עליון לא תצא הרעות.
וכל מה דעביד רחמנא לטב עביד היינו אלעס וואס
מאכט זיך מיט אונז איז בודאי לטובה דען
גאט איז גיוויס אגאנץ גוטר אונ מיינט ניט
חלילה קיין רעה צו טאן זיינע ברואים אונ די
יסורים זיינן לכפרה אדער אפשר נאר יסורים
של אהבה . דער מדרש שרייבט אין קהלת
לשחוק אמרתי מהולל דאס איז גימיינט די טעאטער
הייזער ולשמחה מה זה עושה וואס בעדארפין די
תלמידי חכמים אריין גיין דארטין כלומר זייא
קענען זיך גינוג משמח זיין מיט דברי תורה
וויא אין תהלים שטייט פקודי יי' ישרים משמחי לב
דרום זאגט די גמרא אין מגילה די טעאטער
הייזער וועלין ווערין קלויזין . עס איז גימיינט
לימות המשיח וועט מען בעקומן איין פעסטן
פאר שטאנד אין געטליכקייט דאן וועט
יעדערער גיפינן פר זיך טרייסט פון דר תורה
אונ קיינער וועט שוין מער ניט קוקין אויף די
נארעשע טרייסטונגען וואס צו מישין דיא
קאפ נור אויף איין קורצע ווילע :

והיתה זאת לכם לחקת עולם לכפר על בני ישראל מכל
חטאתם אחת בשנה עס טייטש דאס זאל זיין צו
איך איין אייביגער געזעטץ צוא פאר געבין
אויף די קינדר ישראל פון גאר זייערע זינד
איין מאל אין יאר . די מפרשים פרעגין עס
דארף דאך שטיין לכפר עליכם מכל חטאתיכם צו פר
געבין אויף איך פון אלע אייערע זינד . וויא
פריער איז גישריבין כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר
אתכם וגו' והיתה זאת לכם אבר די ווערטער לכפר על
בני ישראל מיט איין לשון נסתר זעהט אויס וויא
ער רעט וועגן אנדערע ניט צו די זעלביגע וואס

ער

ער האט ביז איצונד גירעט. די שאלה וועט מתורץ ווערן מיט אמשל. איין קאמפאניע לייט זיינן גיגאנגן אין וועג אז זייא זיינן גיקומן צו איין בריק האט ער זיך איין גיבראכין אונ איינגע פון זיי זיינן אריין גיפאלן אין וואסר די איבעריגע לייט האבין זיך גישטארקט זיי מציל צו זיין אבער עס האט ניט גיהאלפין. זיינן זייא גילאפין אין שטאט רופין מענטשין צו הילף. וויא זייא זיינן גיקומען אין שטאט האבין זייא זיך גיזעצט עסין טרינקן אונ וועגן די אומגליקליכע ברידער האבין זייא זיך גאר פר געסין. האט זיך איינער צו זייא אפגירופין וויא קען דאס אייך איין גיין דער עסין ווען אייערע ברידער טרינקען זיך אונ פון זייער לעבין ביז טויט בעשטייט נור אין איין רגע אבר אייער לעבין איז ב"ה זיכער ווען אפילו איר וועט איצונד ניט עסין אונ טרינקן. דער נמשל איז דאס. אמת מען דארף פאר זיך מתפלל זיין אום יום כפור צו הקב"ה ער זאל אונז מוחל זיין די עבירות. אויך בעטין וועגין אגוט יאר. אבער דער עיקר איז איין חיוב מתפלל צו זיין פר דעם כלל ישראל. דען מיר זיינען ב"ה יעדערער אויף זיין ארט אין דער היים אונ מיר קענען בעווייזין אין שול צו גיין דאוונען אונ בעטין פון השי"ת אויף דאס וואס אונז נייטיג איז. אונ זיך מתודה זיין אויף די חטאים פון אגאנץ יאר. אבער פיל אידין זיינן דא אין דר וועלט פאר וואגעלטע אין פעלדער אונ וועלדער אין גרויס סכנות נפשות זיי מאטערין זיך נעביך מיט אשווערע מיתה אונ קענען אפילו קיין ווידוי ניט זאגין פארין טויט. דרום זאגט די תורה והיתה זאת לכם לחקת עולם לכפר על בני ישראל דאס איז גימיינט ווען וועט זיין דר טאג יום כפור פר אייך איין כפרה דוקא אויב איר וועט די זעלביגע זאך בעטין פר דעם כלל ישראל אויך. אזו וויא די גמרא שרייבט אין בבא קמא דער וואס איז מתפלל פאר דעם חבר אונ ער באדארף אויך דיא זעלבינע זאך דאן ווערט ער אפריער גיענטפערט:

# הפטרת אחרי מות

הלא כבני כשיים אתם לי בני ישראל וגו' העליתי מארץ מצרים ופלשתיים מכפתור וגו' והשמדתי וגו' אפס כי לא השמיד וגו' את בית ישראל כאשר ינוע בכברה ולא יפול צרור ארץ. דאס הייסט הקב"ה זאגט צו ישראל איר זייט בייא מיר גלייך וויא אנדערע פעלקער. דען אייך האב איך אויף גיבראכט פון מצרים אונ דיא פלשתים פון דאס לאנד כפתור. נור זיי האב איך פר טיליגט אונ אייך ניט נייערט איך וועל אייך מאכן פר וואגלען צווישין אלע פעלקער וויא מען שאקילט ארום תבואה אין איין זיפ אונ קיין ברעקיל וועט אראפ פאלין אויף דר ערד. עס איז נייטיג צו פארשטיין אין אן הייב זאגט ער אז זייא זיינן ניט מער יחסנים פון אלע בייא אים. אונ תיכף באלד שטייט שוין גאר אנדערש. דר תירוץ איז מיט אמשל. איינער האט גינומען צו זיך אין הויז איין יתום. אום ער זאל זיין איין חבר אונ לערנען מיט זיין בן יחיד. מיט דער צייט אז דער יתום איז זאט גיווארין אונ האט פאר געסין אלע צרות איז ער זייער צו לאזין גיווארין. האט דר גביר גאר ניט גירעט מיט אים נאר ער האט אים תיכף ארויס געיאגט פון זיין הויז. ויהי היום האט זיין אייגענער קינד אויך אן גיהויבין זיין אין דעם יתומס שלעכטע וועג האט דער פאטער אים שטארק בשטראפט מיט ריטער. שרייעט דאס קינד. טאטע וואס בין איך אנדערש פון מיין חבר. טרייב מיר ליבערשט ארויס. ענטפערט דר פאטער צו יענעם האב איך גאר נישט. ער איז גיוועזן איין פרעמד קינד אבר דיר וועל איך אזו לאנג שמייסין ביז דוא וועסט מוזין בעסער ווערן. דעם זעלבין זין שטייט אין אונזער סדרה אחרי מות ולא תקיא הארץ אתכם וגו' כאשר קאה את הגוי וגו' ונכרתו הנפשות וגו' ושמרתם את משמרתי וגו' אני יי אלהיכם היינו הקב"ה זאגט צו די קינדער ישראל איר זאלט וויסין זיין אייך וועל איך ניט גאר ארויס יאגין פון זיך וויא די כנענים נייערט איר וועט גינוג ליידין פון מיינע שטראפונגן ביז איר וועט מוזין בעסער ווערין אונ היטין מיין תורה ווארום איך בין אייער גאט. דיא כוונה מיינט דא דיא הפטרה אויך הלא כבני כשיים וגו' כלומר אפשר וועט איר מיינען איר זייט גלייך צו די פר צייטיגע אומות. ניין יענע האב איך פאר טיליגט אונ ארויס גיטריבין פון זיך אין גאנצין

בשעת זייא האבין פר זינדיגט אנטקעגין מיר. אבר אייך וועל איך נור ארום טרייבין אין גלות וויא מען שאקילט ארום תבואה אין אזיפ כדי אויס צו ריינינן. אונ ווען איר וועט פרום ווערן אזו וויא גיהעריג איז דאמאלס וועט זיין דיא גאולה שלמה אזו וויא ווייטר איז גישריבן ביום ההוא אקים את סכת דויד הנופלת וגו' ובניתיה כימי עולם:

הנה ימים באים נאם יי' ונגש חורש בקוצר וגו'. דאס טייטש דר אקער מאן וועט צו זאמען קומען מיט דעם שניטער. די מליצה דר פון פר שטייט זיך זעלבסט מיט אקורצין סיפור. איינר איין בן כרך וואס צייט זיין לעבין האט ער קיין מאל גיזעהן וויא עס גייט צו מיט תבואה גיוואוקס. איז ער אמאל ארויס גיגאנגן שפאצירין אויסן שטאט אונ האט דר זעהן וויא מען צו אקערט איין שיין בעוואקסענעם פעלד אונ נאכהער שיט מען דארטן אויס מיט ווייץ. האט ער זיך זייער פר וואונדערט אונ זאגט. וויא משוגע מוז זיין דר מענטש דאס ער רייסט אויס אזעלכע פיינע מיני גראזין. אונ נאך מער ער ברייננט אין גיוועטין דיא ווייץ אויך. אבער אין כמה חדשים ארום בעת שניט צייט אז ער האט דר זעהן דאס ער נעמט פון דארטין אראפ ווייץ כהנה וכהנה דאן האט ער שוין פאר שטאנען דעם מיין פון דעם אקער מאן. דר ענין דר פון איז אזו. בעטראכטענדיג אין אונזר געשיכטע זעהט מען קלאר ארויס וויא מיר זיינען פאר ענדערט מכל אומה ולשון קיין מאל האבין מיר קיין רוהיגע שעה גיהאט. יענע אלע צרות אבר זיינען נור גיגליכין אז צו אקערט דאס פעלד פון ישראל אונ פר זייט כל טוב. אונ לימים הבאים אז מיר וועלין דער פון אפ שניידין פיל טובות ותחמות דאן וועט רעכט ווערין אלע קשיות. דרום זאגט אונז דא דער בורא יתברך הנה ימים באים נאם יי' ונגש חורש בקוצר באחרית הימים וועט דער אקערער צו זאמען קומען מיט דעם וואס שנייט כלומר סוף מעשה וועט מען פר שטיין דאס תחלת מחשבה אונ ווי אזו פון אלע אונזרע צרות איז ארויס גיוואקסין דער בעסטער גליק:

## פרשת קדושים

דבר וגו' קדושים תהיו כי קדוש אני יי' אלהיכם. דר ילקוט שרייבט הקב"ה האט אזו גיזאגט צו די ישראל איידער איך האב דיא וועלט באשאפין האב איך אייך גיהייליגט צו מיין נאמען דרום זאלט איר הייליג זיין וויא איך. דיא כוונה פון ילקוט ווערט ערקלערט מיט אמשל. איין גביר מפורסם האט גיזוכט צו נעמען איין איידים איין עילוי פאר זיין בת יחידה. האט ער גישריבין אין דיא גרעסטע ישיבות אונ מען האט אים ארויס גישיקט אבחור איין עילוי אונ אמתמיד. נאך דער חתונה וויא דר ארעם בחור האט דר שמעקט וואס אוועלט איז. האט ער אויף גיהערט צו וועלין לערנען. איז דעם שווער זייער ביטער גיווארן אויפן הארצין אונ האט דעם איידים פאר גיהאלטין וועגין דעם. האט זיך דער איידים גינומען פר ענטפערן אונ זאגט אדרבה פרעגט ביי דעם שמש פון בית המדרש אויב איינר אין אייער שטעטיל לערינט וויפיל איך לערין. רופט זיך אפ דר שווער אז אח אונ וויי אויף וועמען דוא קוקסט. דיר האב איך דאך אין אנפאנג גינומען באופן דוא זאלסט טאקי בלייבן דר בעסטער אונ דר גרעסטער מתמיד פון דער וועלט אונ איצונד נעמסטו זיך איבר דאמיט וואס דו לערינסט מער אז דיא שטעטילשע בעלי בתים אונזערע וועלכע זייא ווייסין גאר ניט וואס לערנען הייסט. דר נמשל איז דאס. מיר גיפינען צווייא ערלייא ארטין חשיבות. ערשטין דער חשובסטער צווישין דיא וויכטיגסטע לייט. צווייטינס איין חשובר אנטקעגין נישטיגע מענטשין. דרום וויא די תורה זאגט אן סוף יענע סדרה אז מען זאל ניט קוקן אויף די מעשים רעים פון די כנענים אז עס איז גישריבן לבלתי עשות מחקות התועבות אשר נעשו לפניכם. זאגט הקב"ה פיליכט וועט איר זיך איבר נעמען דאמיט דאס אנטקעגן יענע פארדארבענע מענטשין זייט איר דאך חשובים. זאג איך אייך ניין. איר מוזט זעהן זיך אויס צו צייכענן אנטקעגן די גרעסטע אונ די בעסטע אין דער וועלט. ווייל פאר בריאת עולם אין די צייט אז יענע פעלקר זיינען נאך גאר ניט גיוועזן אויף דער וועלט האב איך אייך גיהייליגט צו מיין נאמען.

דאס

דאס איז געמיינט אייערע נשמות זיינן געוועזן אויס געצייכנט צווישין מלאכים. און ווייל איר זייט אין אנפאנג געוועזן דער בחיר פון אזו אגרויסע ישיבה דרום מוזט איר זיין הייליג וויא איך:

איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו אני יי אלהיכם. די גמרא שרייבט אין יבמות פון איש וגו' וואלט איך וועלין מיינען דאס כבוד אב ואם איז דוחה די מצוה פון שבת דרום שטייט דער בייא ואת שבתותי תשמורו אני יי אלהיכם דאס טייטש מיינע שבתים זאלט איר היטין און ניט הערין אייערע עלטערין ווען זייא הייסין אייך מחלל שבת זיין ווארום איך בין אייער גאט. בדמיון דרייא יונגע לייט וועלכע זייא האבן גילערינט צו זאמן האבין זיי אפ גירעט צווישין אנאנדר דאס זייא זאלן אוועק פארן לערנען פארשידענע חכמות יעדערער אין אנאנדר מדינה און לסוף יאר זאלין זיי אלע דרייא צו זאמען קומן אין איין ארט אין איין באשטימטין טאג אום צו בעווייזן דיא נייעם וועלכר איטליכער האט ערפונדין כך הוה. אז זיי זיינן צו זאמען גיקומן צוריק פון זייער שטודיום ווייזט איינר איין מיקרעשקאפ דאס דאמיט קען מען זעהן וואס עס פאסירט זיך אין אמרחק פון כמה מייל גלייך אז מען זאל שטיין דערבייא. דר צווייטער איז גיקומען מיט אשנעל מאשינע דאמיט קען מען כהרף עין איין פארן צעהנדליגן מיילין וואו הין מען וויל. דער דריטער האט גיבראכט אזעלכע מיני פילין וואס העלפין צוא אלע מיני קראנקייט אין דר וועלט. קוקינדיג אויף דעם שפאקטיף האבן זייא דר זעהן דאס אין דיא הויפט שטאט איז אגרויסער רעש און איין געפילדער ווייל דעם דוכס אבת יחידה איז גיפערליך קראנק און אלע דאקטורים האבן איר אפ גיזאגט דעם לעבן דאס צייט עטליכע מינוטין מוז זיא שוין שטארבן האבן זיי זיך באלד אריין גיזעצט אין דער מאשינע מיט אמאל זיי זיינן שוין דארטין. און דר דריטר חבר האט איר איין גיגעבין די פילין און זיא איז תיכף גיזונד גיווארין. אין שטאט איז גיווארין ששון ושמחה אלע האבין זייא גידאנקט און גירימט אן אשיעור. נאכהער האט דר דוכס זייא אלעמן דרייען פארבעטין צו זיך און זאגט אזו. איך פאר שטייא אליין דאס איך זעלבסט בין ניט אין שטאנד מיט אלע מיינע אוצרות אייך צו באלוינען פר די טובה וועלכע דורך אייך דרייען איז גישעהן. דאהער איז בייא מיר גיבליבן איך זאל אוועק געבן מיין טאכטר פר אווייב צו איינעם פון אייך נאר די ברירה איז אפ גיגעבין צו אייך אויף וועלכין פון אייך איר וועט צווישין זיך מסכים זיין. נאטירליך האט יעדר גטענת אז אים קומט די בת יחידה ווארום יעדערער האט באוויזן דאס אן זיין ערפינדונג וואלט זיא ניט גיקומן צו דר רפואה. וויא די טאכטר האט אויס גיהערט זייער ויכוח האט זיא זיך אפ גירופין הערט ליבע פריינד מיין מיינונג. ווען מען זאל קוקין אויף די געשיכטע פאר אויס זייט איר איינער ניט ערגער פון דעם אנדרין אבר צו באזארגין אויף שפעטער מיין אדעלן און מיין שוואכין קערפר דאס וויא ווייט איך פארשטייא אן זיך מוז איך שוין אפט האבין די דאזיגע פילין. דרום דארף איך נור גיהערין צו דעם מאן פון דיא פילין כדי איך זאל דאס האבין תמיד בייא זיך אבר אן די שפאקטיף און אן די פאהר מאשינע וועל איך אויך קענן לעבין לימים הבאים. דער נמשל איז וויא די גמרא זאגט אין קדושין אין דעם מענטשין איז דא דרייא שותפין הקב׳ה און פאטר און מוטר. זייער חלק איז וואס עס איז שייך צום גוף פון דאס קינד. און הקב׳ה גיט אריין די נשמה אין אים. נון ווען מיר זאלן אויף עבר באטראכטין קומט די עלטערין וויא כביכול ית' כבוד ומורא. דר חילוק איז נור אויף להבא דען דעם גאנצן לעבן פון מענטשן איז רעכט אן די עלטערן אויך און דר עיקר איז די חיות וואס הקב׳ה גיט. און חלילה ווען ער טוט אפ זיין השגחה איין רגע איז דר מענטש כלא און קיין טאטע מאמע קען אויך ניט העלפן דער

צו. וויא מיר זאגין ואתה מחיה את כלם נור דוא רבש"ע ביזט תמיד מחיה אלעמן דרום דרשנת דיא גמרא אויף דעם פסוק איש אמו ואביו תיראו דאס טייטש איטליכער מענטש מוז מורא האבן פאר זיין פאטר אונ מוטער ווייל זייא האבן פון תחלת אן איין שותפות אינזאים. נון אם כן קען מען מיינען דר פון ווען אפילו זייא וועלין הייסין טאן עפים איין עבירה. למשל מחלל שבת זיין זאל מען זיי אויך פאלגן. דאהער שטייט ווייטר גישריבן אין פסוק ואת שבתותי תשמורו אני יי' אלהיכם דאס הייסט איר זאלט זייא דארין ניט הערין נייערט מיינע שבתים דאס גלייכין אלע מיינע איבעריגע מצות מוזט איר היטין. ווארום איך בין גאט אייער גאט דאס נור איך בין אייך מחיה דעם גאנצין לעבן אייערין אונ ווען ניט מיינע חיות פילין קענט איר ניט אויס קומען איין רגע אויך ניט. אזו וויא עס איז גישריבין כל הנשמה תהלל יה פאר איטליכם מאל אויס אטומען מוזין מיר גאט ב"ה דאנקען הללויה:

לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא דוא זאלסט ניט פיינט האבין דיין ברודר אין דיין הארצין. שטראפין זאלסטו שטראפין דיין חבר אונ זאלסט ניט בעלאסטין אויף אים קיין זינד. דעם סמיכות פון דיא ענינים פערשטייט זיך מיט דעם פסוק פון משלי אם תכתוש את האויל במכתש בתוך הריפות בעלי לא תסור מעליו אולתו דאס טייטש אויב דו וועסט שטויסין דעם נארין אין אשטופע צווישין פעריל גריטין מיטין טוקאץ וועסטו ניט אפ טאן פון אים זיין נארעשקייט. דא איז קשה ווארום שטייט צווישין פעריל גריין אונ וויא פאסירט זיך דען מיט דעם נארין אנדערש אין איין ליידיגע שטופע. דער ענין פון דעם פר שטייט מען מיט אוועלטליכין וויץ. עס האט גיטראפין דאס קונדסים האבין ארײן גענארט איינעם אגעוויסין שטאט נאר אין אשטופע אונ האבין אויף אים גישטויסין. נאכהער אז זיי האבן אים קוים גילאזט ארוים קריכין אצוקיילטר אונ אצופיילטר אונ אלע האבן פון אים גילאכט האט ער גיענטפערט מען האט גאר ניט גימיינט מיר צו שטויסין נאר די פעריל גריין וואס אין דר שטופע איז גיוועזן. דער נמשל איז דאס עס גיט אפט אגרויסר מגיד איין קלוגער מוכיח וואס זאגט קלוגע מוסר דאס בעת מעשה רירט דאס יעדערין. אונ דאך וויא מען גייט ארוים פון שול ווערט מען ווידער וויא פאר דעם אונ קיין סימן תשובה ניט. די סבה דר פון איז וויא די גמרא שרייבט אין שבת אין אדם רואה חובה לעצמו דאס טייטש אמענטש אויף זיך אליין זעט קיין שום שולד ניט אונ דיא אלע חטאים ומדות רעות וועלכע דער מגיד האט דא פארגישטעלט גיפינט יעדער נור בייא דעם חבר גלייך אז ניט אים מיינט מען דאס ממילא פועלט דער מוכיח גאר ניט מיט זיין תוכחה. נאך מער אמאל טרעפט דאס דער מגיד אליין האט דעם זעלבינן חסרון אונ ער שטראפט דעם עולם וועגין די מדה רעה אונ דעם חסרון אונ דאך פילט ער אין זיך קיין חסרון ניט. דר טעם איז ווייל וויא געוויינליך ליבט אמענטש נור זיך אליין. אונ דעם צווייטן פערהאסט ער זייער אז שלמה המלך ע"ה זאגט אין משלי שנאה תעורר מדנים ועל כל פשעים תכסה אהבה דאס טייטש פיינדשאפט דר וועקט קריג. אונ ליבשאפט בדעקט אויף אלע זינד. אבער ווען מען ליבט דעם חבר אזו וויא זיך דאן בעת מען זאגט מוסר דעם חבר מוסרט מען דער ווייליע זיך אויך דער מיט ווייל דאס רוב גיפינט מען דעם זעלבין חטא בייא זיך אויך. דאס זאגט אן דיא תורה הקדושה לא תשנא את אחיך בלבבך דו זאלסט דיין ברודער ניט פיינט האבן דאן וועט זיין די פעולה הוכח תוכיח את עמיתך ווען דו וועסט אים שטראפין וועסטו זיך זעלבסט אויך שטראפין מיט דיין חבר צו זאמען ולא תשא עליו חטא אונ וועסט ניט בעלאסטין חטאים נור אויף אים אליין וויא יענער נאר וואס ווארפט דעם בלבול אויף די פעריל גריין נייערט דער עיקר תוכחה וועסטו אויס קערין אויף זיך זעלבסט:

לא תקום וגו' ואהבת לרעך כמוך אני יי דאס טייטש קיין נקמה אונ קיין פיינדשאפט זאלסטו ניט בדייכן אויף קיינעם. דיין חבר זאלסטו ליבין וויא זיך זעלבסט. איך בין גאט. ווארום ביא די מצוה פון ואהבת לרעך וגו' איז גישריבן אני יי. פאר שטייט זיך מיט דאס וואס עס איז ידוע דאס אלע מצות פון דר תורה זיינן צו טיילט אין מצות שבין אדם למקום ובין אדם לחברו היינו דיא מצות וועלכע זייא זיינען שייך נור אנטקעגן השי"ת למשל קרבנות. פרה אדומה. כלאים וואס דאס רוב איז דר מענטשליכער שכל גאר ניט משיג דעם טעם. צווייטינס די מצות וועלכע מיר זיינן גיבאטן גיווארין וויא מיט מענטשין זיך צו בעגיין אונ דר שכל איז אויך מסכים דער צו וויא: לא תגנוב. לא תגזול. וכדומה. אונ דיא קדמונים ז"ל שרייבין ווען מען לערינט אונ מען איז מקיים דיא דינים שבין אדם לחברו דר פר איז מען זוכה משיג צוא זיין אונ מקיים זיין דעם חלק דינים שבין אדם למקום. אויך זאגין זייא דער וואס היט ניט תורת האדם היינו ער בעגייט זיך ניט ערענטליך מיט לייטין דא איז אקלארר סימן אז דיא תורת המקום היט ער אויך ניט. אונ ווען ער ווייזט זיך דאך ארויס פר פרום איז דאס נור צבועיאטסטווא פון לייטינס וועגן אז מיר זעהן דאס בחוש ובנסיון טאג טעגליך. וויא דער תנא הלל האט גיזאגט אין מסכת שבת צו דעם נכרי וואס האט אים גיבעטין אויס לערנן כל התורה כולה אויף איין פוס. ער האט גימיינט ער וויל נור היטין תורת האדם אונ ניט די תורת המקום. האט אים הלל גיזאגט דעלך סני לחברך לא תעביד וכו' דאס וואס דו ווילסט ניט ליידין מען זאל דיר טאן טוא ניט דיין חבר אין דערין בעשטייט דיא גאנצע תורה. דאס הייסט אויב דוא וועסט זיין איין ערענטליכער מאן אנטקעגין איין מענטשין. דאן וועסטו ממילא שוין אלעם היטין ווען ניט וועבסטו קיין מצוה מקיים זיין באמת. דער מדרש שרייבט אין שמות רבה אויף דעם פסוק ויקם מלך וגו' אשר לא ידע את יוסף ווייל פרעה איז גיוועין איין כפוי טובה אונ האט זיך גימאכט כלא ידע פון אלע גוטעס וואס יוסף האט גיטאן פר אים אונ זיין פאלק דרום האט ער לסוף גיזאגט לא ידעתי את יי דאס טייטש איך קען ניט גאט כלומר ווייל ער האט ניט גיהיט תורת האדם האט ער אויך ניט גיהיט תורת המקום ביז ער איז גיווארין איין כופר בעיקר. דיא אלע רייד שטייט דא אין קורצע ווארטען לא תקום וגו' ואהבת לרעך כמוך היינו אויב דו וועסט ניט שלעכט זיין צוא לייטין אונ אדרבה זייא ליבין וויא זיך זעלבסט דאמאלס אני יי כלומר דאמאלס וועסטו היטין אונ פר שטיין די מצות וועלכע זיינן שייך צו מיר אונ זיך האלטין פעסט אן מיין אמונה:

## הפטרת קדושים

היעמוד לבך אם תחזקנה ידיך לימים אשר אני עושה אותך וגו' והפיצותי אותך בגוים וגו' ותתמותי טמאתך ממך עס טייטש הקב"ה זאגט צו די אומה ישראל צי וועט דען קענען בלייבין שטיין דיין הארץ אדר שטארק זיין דיינע הענט אין די צייטין אז איך וועל דיך שטראפין פאר דיינע זינד. איך וועל דיך פר שפרייטין צווישין דיא פעלקער דאמיט וועל איך דיינע אומריינינקייט מאכין אויס גיין פון דיר. די מליצה פון הארץ אונ הענד פאר שטייט מען מיט דעם משל. איינר האט גיהאט קינדער אלע שוואכע אונ קראנקע וואס האבן ניט גיטויגט צוא פאר דינען. אויסער איין זון אגיזונטער אונ אחרוץ גדול ער איז גיוועזן דער נאנצר פר דינער פר זיי אלעמען ויהי היום ער איז מחמת די פיל הארעוועס אוועק גישטארבן האט דר פאטר כל ימיו גיוויינט אונ גיטרויערט אונ אז מען האט אים גיפרעגט שטייטש עס איז דאך איין געוויסער כלל דאס וואס די ערד פאר דעקט מוז פר געסין ווערין האט ער גיענטפערט ניט אויף אים קלאג איך נאר אויף די לעבעדיגע קינדר מיינע ווייל זייא זיינען גיבליבן אן אשום שטיצע אונ לעבעדיגע קען מען ניט פאר געסן. דר נמשל איז די צדיקים וחסידי הדור דען בעת דר בית המקדש איז גישטאנען האט דר מזבח מכפר גיוועזין אויף די ישראל. אבער איצטער ווען עס דארף חלילה זיין עפיס איין כליה נעמט מען בייא אונז צו דעם בעסטין ברודער דעם

צדיק הדור וואס צו ליב זיין זכות ייגען מיר גישפייזט גיוואהרן. אז דר מדרש איכה שרייבט אלו זכיתם הייתם קוראים אש תמיד תוקד על המזבח עכשו שלא זכיתם אתם קוראים ממרום שלח אש בעצמותי ווען איר וואלט ווערט גיוועזין דאן וואלט איר גילייענט דעם פסוק אש תמיד וגו׳ אויף דעם מזבח זאל ברענען שטענדיג פייער דאס הייסט דיא קרבנות וואלטין מכפר גיוועזין אויף דיא זינד אייערע. אבר נאך דעם חורבן מוזט איר לייענן דעם פסוק פון איכה ממרום שלח וגו׳ פון הימיל האט גאט אראפ גישיקט אפייער אין מיינע ביינער עס איז גימיינט דאס מיתת הצדיקים ווייל זיי זיינן די רעכטע ביינער וואס אויף זייא בעשטייט דער עיקר חיות פון דעם גוף האומה הישראלית. אויך דר זוהר הקדוש שרייבט דאס דר מגין הדור ווערט גירופין דאס הארץ פון די אומה וואס זיא צו טיילט חיות אונ בלוט אין אלע גלידער אונ די בעלי צדקות אויך די זקנים די פארשטייער פון אידין זייא זיינען וויא דיא הענט פון דאס פאלק. ווייל זייא זיינען נאר די טוער פאר די ברידער אונ די שטיטצער פון כלל ישראל. צו ערשט ווערין זייא באצוואונגן איבר דעם עון פון דור אונ אויב עס איז נאך ווייניג דאן איז דער גלות פון כלל מכפר. דאס איז דר מיין פון די הפטרה היעמוד לבך אם תחזקנה ידיך לימים אשר אני עושה אותך וגו׳ דו כנסת ישראל וועט דען באשטיין דיין הארץ אדר שטארק בלייבן דיינע הענט בשעת איך וועל דיינקען עפים גוטעס צו טאן פאר דיר דאס הייסט די צדיקים וזקנים פון דור וועלן חלילה אום קומן צו ליב דיינע עבירות אונ אויב עס וועט דאך ניט העלפין והפיצותי וגו׳ דאן וועל איך אויך דיך זעלבסט פאר טרייבין אין גלות דיא טומאה פון דיינע חטאים וועט גיריינינגט אונ גילייטרט ווערין דורך תשובה אזו וויא עס איז גישריבן סוף הפטרה וידעת כי אני ה׳:

## פרשת אמור

ויאמר ה׳ אל משה אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם וגו׳ דאס טייטש גאט האט גיזאגט צוא משה אזו. זאג צו די כהנים דיא קינדר פון אהרן אונ דו זאלסט צו זייא זאגין. די גמרא שרייבט אין מסכת יבמות דרום שטייט אמור אונ ואמרת. להזהיר גדולים על הקטנים דאס ווייזט דאס די עלטערע לייטין זאלין אן זאגין דיא דינים צו די יונגע קינדער. אונ דער מדרש שרייבט אויף דעם פסוק מיט אזו אלשון. די אויבערשטע היילגע מלאכים ווייל ביי זיי איז קיין יצר הרע ניטא איז גינוג מיט איין מאל אן זאגין וויא עס איז גישריבין אין דניאל ויאמר קדישין. אבר די אונטערשטע מענטשין וואס האבן איצר הרע האט הקב״ה זיי צווייא מאל אן גיזאגט אז עס שטייט אמור ואמרת אונ הלואי זאלין זייא ערשט קענען בעשטיין אנטקעגין דעם יצר הרע. פון די צווייא היילגע מאמרים איז צו שליסין אטיפין אונ אקלוגין מוסר. עס איז ידוע דאס אמענטש אויף זיך וועט קיין בייז ניט נור אויף יענעם אונ דער פון קען ער זעלבסט אויך בעסער ווערין. אז דער תנא זאגט אין פרקי אבות איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהיא תפארת לעושה ותפארת לו מן האדם דאס הייסט ניט דאס הייסט גוט ווען עס איז זיך אליין גיפעליג. נאר ווען עס איז אונז גיפעליג בעת יענער טוט די זעלבינע מעשה. דען דר צווייטער איז גלייך אז איין ריכטיגער שפיגיל אין אים צו דר זעהן אויף זיך וואס שיין אונ מאום עס איז אונ מכל שכן אויף איין איינעם קינד דער זעהט מען אויף אהאר וואס עפים אונגערעכט איז. אונ די גמרא זאגט אין קדושין דער וואס לערינט מיט איין איינעם זון איז גלייך אז ער וואלט מקבל גיוועזען דיא תורה פון בארג סיני כלומר ווייל ער לערינט באמת מיט אים אן איין שום פנית יצר הרע איז ער גלייך אזו וויא דיא ישראל בייא דעם בארג סיני ממילא קריכט אים זעלבסט אויך אריין טיף אין זינען. דאס זאגט די גמרא להזהיר גדולים על הקטנים די עלטערין מוזין זעהן צו לערנן מיט די קינדער דאן וועט די תורה האבן אקיום בייא ביידין. דאהער זאגט דא דר מדרש ווייל מענטשן האבן איצר הרע שטייט איין איבעריגין מאל ואמרת היינו להזהיר ט׳ דאס הייסט מען זאל מיט די קינדר אליין לערנן כדי עס זאל זיין אן אשום פניה אונ הלואי זאל דאס אוים האלטין. נאך אפשט זאגט דר מדרש אויף די פרשה אמור

אמר

אל הכהנים וגו' דאס קומט אויס וויא דוד המלך ע"ה שרייבט אין תהלים יראת יי' טהורה עומדת לעד די ריינע יראת שמים בעשטייט אויף אייביג. אהרן איז גיוועזן איין אמתר ירא שמים לכבוד דעם בורא ית' אן אשום אייגען נוטץ. דרום האט ער זוכה גיוועזין אויף קינדס קינדר צו דיא ראזיגע פרשה דאס אין איר שטייט גישריבין אז כהנים זאלן זיך ניט מטמא זיין צו מתים. עס איז איין פליאה וואס פר.איין שייכות האט טומאת מתים צו יראת שמים בפרט כהנים צייכענען זיך אויס מיט כמה וכמה מצות. היינו קרבנות. תרומות. נון ווארום איז דר מדרש מפליג דווקא די מצוה מעהר אז אלע. דאס וועט פאר ענטפערט ווערן על דרך המוסר מיט אמשל. איין יונגר מאן באלד נאך דר חתונה.זיין קאפיטאל.נדן מיט קעסט איז נאך גיוועזין פר פול. פון דיא וועלטליכע אום גליקין האט ער כמעט נאך גאר ניט פר שטאנען. תיכף וויא ער האט אן גיהייבן אביין קוקין אין די גרויסע וועלט האט ער אן גיהייבין וועלין מיט איין מאל רייך ווערין. אבר מיט ערליכקייט איז דאך שווער גיך רייך צוא ווערין דרום האט ער גיווארפין איין אויג אויף דעם פאלשין אוצר עס איז גימיינט דאס פעקיל האנדיל (קאנטערבאנד) דער שמוטציגער גישעפט וועלכער ער איז פערבאטין פון הקדוש ב"ה וויא אונזערע רבנים שרייבין. אונ פון דיא מלוכה יר"ה. דרום מיר אידין רופין דאס טריפה סחורה דען ביא דעם ערליכין אונ ארענטליכין אידין דארף דאס טרייף זיין אזוי וויא בשר חזיר. אונ וייל דר יונגער מענטש האט דער זעהען דאס אייגעם האט דאס עטליכע מאל גיגאלטין האט ער דאס פאר גילייגט דעם שווער אונ דר שווער אלס קלוגר אונ געניטער מאן האט אים שטארק גיווערט דר פון. אין אנפאנג האט ער אים ערקלערט וויא גרויס די עולה איז אז מען ברעכט דיא גיזעצע פון דער מדינה אונ דיא גרויסע שטראפונגען וועלכע עס קומט דר פאר אונ לסוף האט ער אים פאר גישטעלט פאר די אויגין דעם ביזין סוף דר פון כמה מעשיות אונ ראיות וויא דאס רוב פעקיל הענדלער ווערין בדלות אונ זיצין אין תפיסה. דעם יונגין מאן איז דאס אלץ גאר ניט גיקראכין אין מוח אונ בלייבט פארט ביא דאס זייניגע. האט זיך דר שווער מיישב גיוועזן אונ זאגט צו אים אזוי. נוא מיין קינד נעם געלט אונ לאמיר פארן האנדלען. וויא זייא זיינען גיקומען נאהענט צום גרעניטץ גיפינען זייא אין אקרעצמע א חברה טראנספעטירער טרינקען אונ שיכורין אן אשיעור. רופט זיך אפ דער אידים נוא שווער איר זעט שוין איצטער אליין מיט די אויגין וויא דר דאזיגר האנדיל לעבט. ענטפערט ער אים אי דו.ביסט גאר אקינד דר פון איז אדרבה צו זעהן מיט וואס פר שרעקענים אונ סכנות נפשות דר ביטערר גישעפט איז פאר בונדין. דיזע לייטין זייא זיינען צו בראכין פון גרויס פחד דען זיי ווילין יעצט אריבער טראנספעטירען סחורה אונ מיינען צו פר טומלען די קאפ אונ פאר.גיסין די צרות מיט די פיל שטארקע משקה בכדי זיך צו שטארקען אויף דר וויילע מיט מוט. אים נעמט אבער דאס אלץ ניט ווייל בעת מעשה זעהט ער נור וויא זיי עסין אונ טרינקן אונ מען מאכט זיך פריילך. אין איניגע טעג ארום זאגט דר שווער צו אים איצטער לאמיר שוין פארן נאהענט צום שלאבאן (דר גיוויסר ארט פון אפ צאלונגען דיא פאסלענע) נוא דארטן האט ער שוין גיפונען דיא זעלביגע חברה לייט אלע גישמיט אין קייטן אויף די וועגן סחורה. דאן האט ער גינומען שרייען שווער אהיים אהיים. דען וויא אונגעניט ער איז גיוועזן דאך האט ער שוין בעשיינפערליך גיזעהן דעם ביטערן מוסר פר די אויגן. די גמרא אין ברכות גיט אונז ארויס דרייא תרופות וויא צו ברעכן די תאות יצר הרע. ערסטן תורה. דאס הייסט בעטראכטן מיטין שכל וויא אזוי דער יושר איז צו דינען דעם בורא ית' אונ ניט עובר צו זיין אויף זיינע

ניד. צווייטינס קריאת שמע היינו פר איין מיטעלען מענטשין קען העלפן ווען ער זאל חאץ דיינקען וועגין דעם עונש פון איין רשע. וויא אין די פרשה קריאת שמע שטייט גישריבן השמרו לכם פן יפתה וגו׳ וחרה אף ה׳ בכם ועצר את השמים וגו׳ ואבדתם מהרה וגו׳ אונ די לעצטע פראבע איז דאס דריטער מיטעל היינו ער זאל זיך דר מאנען אן דעם יום המיתה. וויא דר חכם שלמה זאגט אין קהלת טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה באשר הוא סוף כל האדם והחי יתן אל לבו ער מיינט אזו אייגענטליך אין איין בית המשתה פון אחתונה קען מען אויך גוט בעטראכטין דעם יום המיתה ווייל די מצוה פרו ורבו איז גיגעבן גיווארין כדי דיא וועלט זאל ניט אויס גיין פון מענטשן אז דר פסוק זאגט לא תהו בראה לשבת יצרה ממילא פר שטייט זיך בעת דעם מאל צייט דאס איין מענטש מוז שטארבן. נור וויא גיוויינליך בעת חדוה פר געסט מען אן אלץ נאר דר חכם וירא שמים ער דיינקט דאמאלס אויך וועגין אזעלכע אומעטיגע אינטערעסין. אונ רעכינט אז די גאנצע אכילה ושתיה גיט מען נור כדי צו פר שלאגין די טרויערקייט. דאגעגען אבר אין דעם בית אבל וואס מען זעהט דעם טויט פר די אויגין דארטין דער מאנט זיך אפילו דער פראסטער מענטש וואס ער איז נור אין דיא בחינה פון חי (דאס טייטש אלעבעדיגע זאך וויא איין בהמה. כלומר ניט אין דיא בחינה פון איין מענטשן וואס מחמת זיין שכל ווערט ער גירופין מדבר) אין דעם ענין פון תשובה. דען זעלבסט איין בהמה ווערט אויך גערירט ווען זיא דער זעהט איין אנדער בהמה ליגט גישאכטין פאר אירע אויגין. נמצא פר דעם חכם ושלם אונ דר ריינער ירא שמים איז גינוג די תורה אליין צו התעוררות התשובה וויא אין משלי שטייט אזן שומעת תוכחת חיים בקרב חכמים תלין כלומר דעם חכם קלעקט די לעבעדיגע מוסר היינו תורה וואס זיא ווערט גירופין עץ חיים. דרום זאגט דר מדרש עס זאל דיר קיין קשיא זיין וויא אזו האט הקב״ה פאר באטין דעם אהרן מיט זיינע קינדר זייא זאלין ניט קומען אין די הויז וואו איין מת ליגט. וואס אזו איין אריין קומען איז גאר איין פעולה צו תשובה אזו וויא עס שטייט טוב ללכת אל בית אבל. אויך דיא גמרא זאגט יזכור לו יום המיתה. זאגט ער ניין. דר צדיק הערט אויף האנדלען מיטין פעקיל תאוות תיכף אין אנפאנג בעפאר יענע ליגין גיבונדין. דען יראת ה׳ טהורה עומדת לעד. די ריינע יראת שמים אן שום פניות פון אהרן הכהן דאס זיא קומט מחמת תורה זיא באשטייט אויף אימער אונ דארף ניט אן קומען צוא דיא תחבולה פון יום המיתה דעריבער האט ער זוכה גיוועזין צוא דיא פרשת המת אויף דורי דורות:

אלה הם מועדי ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון וגו׳ גאט ב״ה זאגט דאס זיינען מיינע ימים טובים. זעקס טעג זאל גיטאן ווערין אמלאכה אונ דר זיבעטר טאג זאל זיין שבת גאנץ רוהיג פון מלאכה. די קשיא וואס די מפרשים פרעגין ער הייבט אן מיט יום טוב אונ לאזט אויס מיט שבת פאר ענטפערט דר גרויסר גאון רבינו אליהו מווילנא ז״ל איין תירוץ בדרך פשוט אזו. דאס גייט נור אויף יום טוב דען בכלל איז אין גאנץ יאהר י״א דער עיקר נור זעקס טעג יום טוב היינו דער ערשטער אונ דר זיבעטער טאג פון פסח אזו וויא עס שטייט ווייטער ביום הראשון מקרא קודש וגו׳ ביום השביעי מקרא קודש שבועות איין טאג אונ סוכות צווייא טעג וויא עס איז גישריבן ביום הראשון מקרא קודש ביום השמיני מקרא קודש. אונ איין טאג ראש השנה דען אזו פלעגט מען טאקע פייערן פאר צייטן אין ארץ ישראל. סך הכל זעקס טעג וואס מען מעג אין זייא טאן אמלאכה וואס נייטיג איז צום עסין היינו באקין, קאכין. אונ דר זיבעטר טאג דאס איז יום כפור דאן טאר מען קיין מלאכה אפילו וואס עס פאדערט צום שפייז אויך ניט טאן. דאס זאגט די תורה ששת ימים וגו׳ די זעקס טעג פון אלע ימים טובים זאל יוא גיטאן ווערין איין מלאכה. אונ דר זיבעטר טאג דאס איז

יום כפור זאל זיין גאנץ רוהיג קיין מלאכה טאר ניט גיטאן ווערין אין אים :

בחדש השביעי באחד וגו' זכרון תרועה וגו'. אין דעם ערשטן טאג פון תשרי דאס הייסט ראש השנה זאל ביי אייך זיין איין דר מאנונג פון שופר בלאזין. דיא גמרא אין ראש השנה פרעגט. מיר גיפינען דאך נאך איין פסוק אין דר תורה יום תרועה איז טייטש מען זאל אום ראש השנה טאקי בלאזין שופר ניט נור דר מאנען. ענטפערט די גמרא אזו. דר ערשטר פסוק זכרון תרועה ווייזט ווען ראש השנה גיפאלט אום שבת דאן טאר מען קיין שופר ניט בלאזין. אונ דר אנדרער פסוק יום תרועה איז גימיינט אז עס גיפאלט אום דער וואכין. דיא חכמים ז"ל לאזין אונז דא הערין איין נייטיגען מוסר השכל וויא עס פאסט פאר אונז צו דעם היילגין טאג. דר מוסר איז צו פר שטיין מיט איין משל. איין געוויסר סוחר וואס פאר קויפט סחורה פאר קרעמער אויף אגולנע. אמייל פאר מזומן אמייל טרויט ער צו אונ אנדערע גאר אויף קאנטע. אונ זיין שטייגר איז גיוועזין ארום צו שיקין אין אלע שטעטלאך איין מענטשין אין איין בשטימטע צייט אויף צו מאנען די חובות. די ראיעלע קונדין זיינע די וואס האבין גיהיט אליין אפ צו שיקין אפט. זייא האבן זיך ניט אזו וואס צו שרעקין פארן גובה אפילו ווען זייא לייזין ניט אזו פיל. אבר דר וואס צאלט שווער אונ אפשיטא דער וואס האט נאך גאר ניט עפיס אן גיהויבן געבן. פיל שרעק ליידעט ער אונ וויא פאלט אים דאס איין די בלוט אז יענר גובה קומט אונ לייגט אים פאר דעם קאנטע בוך. אמאל האט זיך גיטראפין דאס דער דאזיגער גובה איז גיקומען אויף שבת צוא איינעם וואס ער האט אים גיהאלטין פאר אגרויסין בטוח. אבר באמת איז ער גיוועזין הינטר שטעליג ביז גאר. אגאנץ שבת האט מען וויא גיוואונליך גיגעסין גיטרונקען אונ גילעבט פריינדליך וויא ווייט עס קען געבין. אבר צו יעדער לעפיל עסין אונ ביא יעדער גלעזיל משקה אז דר קרעמער פלעגט זיך דר מאנען אן מוצאי שבת אז דער שליח וועט עפענען דעם ספר הזכרונות אונ לסוף איז אן הויבין נוגש צו זיין מיט דיא וועקסלען זיינע דאן איז אים קיין זאך ניט איין גיגאנגען אונ עס פלעגט אים זייער קריינקען. דר נמשל איז דאס עס גיפינען זיך ביא אידין צדיקים אונ חסידים וואס זיינען מקיים דעם פסוק שויתי ה' לנגדי תמיד דאס הייסט אימר שטעלין זייא זיך פאר די אויגין די מורא פון הקב"ה. זיי האנדלען אין מזומן זיי זיינען מקיים די תורה ומצות בכל רגע ורגע אונ היטין זיך אפ פון עבירות אין אלע אופנים. די לייטן האבן זיך גאר ניט וואס צו שרעקין פר דעם יום הדין פון ראש השנה. אויך איז דא מרי דחושבנא היינו די יראים אונ פרומע לייטן וואס האבין איין חשבון מיטין נפש אונ טוען תשובה אלע נאכט צו קריאת שמע אדר אלע ערב שבת. ערב ראש חודש. די ראיעלע קונדין האבין זיך אויך ניט אזו וואס צו שרעקין פאר דעם ספר הזכרונות פון ימים נוראים. אבער מיר זינדיגע לייטן דאס די סחורה כלומר די תורה ליגט ביא אונז אין גאנצן אגאנץ יאר האבן מיר איר ניט גערירט ניט אקוק גיטאן אויף איר. פון מצות זיינען מיר ווייט אדרבה מיר האבן פרדארבען אונזער נפש איין גיפלעקט מיט חטאים אונ אויפן בוך זיינען מיר גיווארן גרויסע בעלי חובות. וויא זייער דארפין מיר זיך שרעקין פאר ראש השנה דער שליח פון הקב"ה. בפרט בעת תקיעת שופר וואס עס בעטייט מען זאל זעהן זיך דר וועקן פון דעם נארעשין שלאף אום צו בעטראכטען דיא מעשים רעים פון אגאנץ יאר. וויא דער רמב"ם ז"ל שרייבט אין הלכות תשובה (פרק ג') פיל בעך טרערין דארפין מיר פאר ניסין בעת מיר שטעלן זיך פאר אלע עונות אונזערע. אזו וויא מיר גיפינען אין נחמיה בעת עזרא הסופר האט פאר דאס פאלק פאר גילייענט אום ראש השנה אין ספר התורה אונ דאן האבן זייא זיך דער מאנט אלעם וואס זייא

האָבּן עובר גיוועזין האָבּן זייא זייער גיוויינט מכּל שכּן אונזר דור וואס מיר זיינן גיגליכין אזו וויא מילבּין אנטקעגין יענעם דור. נאָר דאס איז גירעט אין מיטין וואך. אָבּער ווען דר גובה היינו ראש השנה קומט אויף שבּת וואס דר טאג שבּת איז א טאג פון פרייליכקייט פון חסד ורחמים אונ קיין כּעס ודין איז ניט שולט דאמאלס דאן בּלאָזט מען קיין שופר ניט ווייל מען טאר ניט טרויערן אונ ויינען בּפרסום. דאך אָבער דארף מען ווייסן בּיי זיך אין הארצין וואס פר א גרויסע בּעלי חובות מיר זיינן אונ גלייך בּיי נאכט וועט מען עפינן דעם קאנטע בּוך אונ אָנגעבּן די וועקסלן די שטרי חובות. וויא גרויס וועט זיין די בּזיונות דאמאלס דרום אפילו אום שבּת זאל מען אויך זעהען גוט מתחרט בּתשובה צוא זיין שטילערהייט אונ ניט מיינן אז עס וועט אזו פר בּייא גיין. דאס מיינט די גמרא הקדושה יום תרועה איין טאג פון שופר בּלאזן וואס דאס באטייט אויף איין עפינטליכע תשובה ופחד דאס איז ווען ראש השנה גיפאלט אין מיטן וואך. אונ שבּתון זכרון תרועה איז גימיינט אויב עס קומט אוים אום שבּת. אונ אזו איז דער פירוש שבּתון חאטשע מען טאר ניט וויינען וויא דר דין איז פון שבּת. פון דעסט וועגין זכרון תרועה אין הארצין מוז מען גוט דיינקען אויף דאס וואס שופר בּלאזין בּעטייט כּלומר תשובה טאן:

## הפטרת אמור

והכּהנים וגו' אשר שמרו וגו' בּתעות בּני ישראל מעלי המה יקרבו אלי לשרתני. איז טייטש הש"י זאגט די כּהנים וועלכע זייא האָבּן גיהיט מיין בּית המקדש אין די צייט אז די קינדר ישראל האָבּן פר אירט פון מיר זייא וועלין גינעהן אין משיח צייטין צו מיר אום מיר צוא בּאדינען. מען בּאדארף פר שטיין וואָרום דריקט ער זיך אוים מיט די ווערטר בּתעות בּני ישראל מעלי אין די צייט ווען די ישראל האָבּין פאר אירט פון מיר. נון איז קשה אונ די כּהנים וועלכע זיי האָבּן טרייא געדינט אין אנדרע צייטין קומט זייא דען ניט דאס זייא זאלין דינען דאפיר אין בּית המקדש אין משיח צייטין. דאס וועט אָבּער רעכט ווערן מיט איין גיוויסין סיפור. איין גביר אמפורסם פאר איין גרויסין נדבן אונ איין אוהב תורה האט אריין גישיקט איין קלויזנר אפאר קליידר אויף פּסח. האָבּן דיא איבּעריגע קלויזנר אויף אים פאר איבּל גיהאט. וואָרום שטייען זייא בּייא אים אין דיא אויגין פיל נידעריגער אלס זייער חבר. האט ער זייא גיענטפערט איך קען אנדערש ניט זאגין. איר זייט אויך געווים גרויסע לומדים אונ מתמידים. אָבּער יענעם האבּ איך גיפונען אין קלויז בּייא די גמרא לערנענדיג פורים צו דר סעודה אזו אצייט וואס אלע זיין גלייכין זיינן שיכּור אונ ווייסן ניט פון ארור המן בּיז בּרוך מרדכי. דר נמשל איז דאס וואס די גמרא אין קדושין לערינט אונז. לעולם זאל מען רעכענן די וועלט העלפט חייב אונ העלפט זכּאי. דאס מיט איין מצוה קען מען אפּ וועגין דעם וואג שאל צו גוטין. אונ מיט איין עבירה צו בּייזין ח"ו. אונ דרום טרעפט אמאל איין צדיק גמור גייט ניט אזו גוט ווייל ער האט אפשר עפּיס פר קרימט אין די רגע אז די גאנצע וועלט איז גישטאנען אין דאס גלייך געוויכט אונ מיט זיין קליינע עבירה האט עס אראפּ גיוואוגין דר וואגשאל צום בּייזין ח"ו. אונ דר רשע גמור האט גראדע אין אזו אצייט עטוואס איין מצוה גיטאן אונ דאמיט פר קערט ער דיא גאנצע וועלט פון מדת הדין צו מדת הרחמים. פאר דעם שכר גייט אים גוט אין זיין גאנצין לעבּין. שלמה המלך ע"ה שרייבּט אין קהלת שומר מצוה לא ידע דבר רע ועת ומשפּט ידע לב חכם דר וואס היט איין מצוה ווייס ניט פון בּייז אונ דר חכם ווייס די צייט אונ איין משפּט. פרעגין די פּשטנים וואָרום שטייט מצוה נור איין מצוה אונ ניט מצות פיל מצות. גם וואס פאר איין צו בּונד האט ועת ומשפּט וגו' צו פריער. דרום טייטשט דר גאון רבּי שלמה אלקבּ"ץ ז"ל דעם פּסוק מיט די פריערדיגע הקדמה אזו שומר מצוה לא ידע דבר רע עס טרעפט איין רשע וואס איז מקיים נור איין מצוה אונ דאפיר כּל ימיו ווייס ער ניט פון שלעכטס. ועת ומשפּט ידע לב חכם אונ דעם חכם איז דאס קיין קשיא ניט אויף די השגחת הבּורא יתבּרך. ווייל ער ווייס דאס אלעס ווערט גימשפּט נאך דיא צייט נאך כּלומר דרום איז

מינליך

מינליך אז יענער האט גיטראפן צו טאן דיא דאזיגע מצוה ווען די מעשים פון דער וועלט זיינען גישטאנן פונקט אין גלייך געוויכט האט ער דאמיט מכריע גיוועזן גאר די וועלט צוא גוטעס. דרום שטייט דא אין הפטרה אשר שמרו וגו' בתעות בני ישראל וגו' היינו ווייל זייא זיינען פרום גיוועזן אין די צייט ווען די ישראל זיינען ניט אזו פרום גיוועזן. דאס הייסט גילערינט פורים צו דער סעודה ווען דאס רוב עולם זיינען גאר שכור. אונ מיט זייער גוטעס האבין זייא דאן אלעמן מכריע גיוועזן צו גוטעס. דעריבער וועלין די לייטין זוכה זיין צו שטיין פר מיר צום דינסט לימות המשיח אזו זאגט גאט ב"ה. פון דעם ענין איז ארויס צוא נעמען איין טיפען מוסר וויא א מענטש זאל זייער גיהיט זיין אין אלע מעשים זיינע. דען אויף יעדין איינציגין היינגט אפ גאר די וועלט. וויא עס איז ערקלערט גיווארין:

## פרשת בהר

וספרת לך שבע שבתות שנים שבע שנים שבע פעמים והיו לך ימי שבע שבתות השנים תשע וארבעים שנה. עס טייטש דוא זאלסט ציילין זיבין רוהע יארין פון שמיטה. זיבן מאל זיבן. סך הכל ניין אונ פערציג יאר דאס הייסט איין יובל. דא איז קשה וואס דארף די תורה אזו מאריך זיין אין רייד. אונ ווער ווייס ניט דאס זיבין מאל זיבין איז ניין אונ פערציג. נאר דיא תורה מיינט דאמיט צוא זאגין איין טיפין מוסר וויא דא וועט ערקלערט ווערין דורך איין משל. איין קליין שטעטילשער נגיד וואס האט פר מאגט טויזינט גילדין אין מזומן. איז ער ארויס גיפארין קיין ענגלאנד וואונען. דארטין האט זיך אים אויך גיוואלט כבודים דיא זעלבע וויא צו הויז אין ליטא. האט זיך איינער אפ גירופין צו אים. דוא ביסט זייער גינארט אין רעכענונג דוא מיינסט אז היר רעכינט מען אויך אויף גילדינס וויא ביי אייך אין פוילין. אם כן פר מאגסטו פיל מטבעות אונ דאריבער קומט דיר גאר די כבוד. ניין דא ווערט גאר גירעכינט אויף פונטין שטערלינג דא האסטו נור איין ערך פון צוואנציג מטבעות אזעלכע. דאס פר אזו ווייניג געלט איז גאר ניט ווערט מען זאל אימעצין נושא פנים זיין. דר נמשל איז. דר מענטש בכלל איטליכר אין זיין ערך איז פאר נארעשט אין דיא הבלי עולם הזה. יענע וועלט פר געסט מען אונ מען זעהט זיך נור היר איינצופונדעווען פר ארעכטין תושב. דר שטרויעט איין הויף אויף יארין לאנג אונ יענער נאך מער. ווייל דער יצר הרע פאר בלענדעט די אויגין אונ רעט איין עס איז נאך דא גינונג צו לעבין זיבעציג אכציג יארן. עס וועט נאך זיין צייט שפעטער אויף תורה ועבודה אויך. דרום זאגט אונז אן די תורה הקדושה וספרת וגו' דאס איז גימיינט דו זאלסט זעהען איין צו ביטין די יארין אין שמיטות אונ נאכהער אין יובלות. דאן וועסטו פאר שטיין ווי זייער ווייניג דיין לעבינס קאפיטאל איז דען דוא ביסט נור אז איין גר אויף דער וועלט אונ דרום מוזטו זיך זעהען איילין צוא תשובה וואס גיכער. אין די זעלביגע כוונה האט זיך אויך גיבעטין דער חסיד דוד המלך ע"ה ביי דעם רבונו של עולם (אין תהלים) הודיעני ה' קצי ומדת ימי מה היא אדעה מה חדל אני מאך מיר וויסין מיין סוף אונ דיא מאס פון מיינע טעג אום איך זאל וויסין וויא פאר מיטין איך בין. היינו למשל. איין עשיר האט גימאכט איין געשעפט בשותפות מיט איין עני ווייל ער איז גיוועזן איין געניטער מענטש אין דעם עסק. אין אצייט ארום האט דעם ארימאנס ווייב אן גיהויבן קוקין אויף דעם נגידס ווייב אונ טענת צום מאן דו ביסט דאך אין עסק אשותף על כן קויף מיר אויך פעריל דימענטענע אוירינגליך אזעלכע וויא זיין ווייבס. אמאל נאך אמאל. ביז עס איז אים גיווארן זייער ביטער איז ער אוועק מיט איר צום שותף אונ האט גיבעטן אחשבון. האט דר שותף זיך פאנאנדער גילאכט אונ זאגט. וועלכע חשבונות ווילסטו. דוא ווייסט דאך אליין קיין גראשין האסטו ניט גיגעבין צום עסק. פון ריוח האסטו קוים צעהן פראצענט. אלע וואך נעמסטו אויף חיות. נוא הלואי זאל נאך מיר פון דיר ניט ארויס קומען קיין

געלט. רופט זיך אפ דער אָרעמאַן גלויב מיר איך בין גוט קלאר אין מיין טרויערדיגען שטאנד אונ מיין ח"ז ניט אַרויס ווייזין פיל איך בין פאַרמעגליך אַדרבה איך וויל דאמיט באַווייזין מיין ווייב די שוטה וויא ווייט איך האב ניט אונ וויא זייער פאַר אָרעמט איך בין. כדי זיא זאל מיר לאזין רוהיג אונ ניט מעהר עסין די הארץ. דער נמשל איז דער יצר הרע ער רעט איין דעם מענטשין עס איז נאך דא גינוג צייט אויף תשובה ומעשים טובים דער ווייל געניס פון דר וועלט תענוגי עולם הזה. דרום זאגט דוד הודיעני ה' קצי וגו' רבש"ע זאג מיר אויס מיינע באשטימטע יארין. אבער ניט ווייל איך מיין אז עס וועט מיר נאך איבעריג בלייבין גינוג צום לעבין. ניין אדעה מה חדל אני דאס וויל איך אדרבה כדי איך זאל וויסין וויא זייער פאר מיטין איך בין פון יארין אונ דעם מענטשינס לעבין לויפט דורך וויא איין חלום. דאן וועל איך קענען פאר שטאפין די מויל פון שטן פון יצר הרע וואס ער וויל פאר בלענדין מיינע אויגן מיט פאלשע הבטחות:

וכי ימוך אחיך וגו' והחזקת בו וגו' אויב דיין ברודער וועט אָרעם ווערין זאלסטו אים שטארקן. דר מדרש שרייבט דאס מיינט דר פסוק אין תהלים אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' וואויל איז דעם וואס קלינגט זיך צום אָרעמאן דרום אין שלעכטין טאג וועט גאט ב"ה אים מאכן אנטרינען. דער פירוש פון מדרש איז מיט איין משל. איינר איין יורד וואס האט קיין שום עצה גיהאט צום לעבן האט ער פון נויט זיך גישטעלט היטין אויף דעם וועג וואו מען פירט סחורה וועלכע פערבאטען איז פון מלוכה כדי עטוואס צו בעקומען פיר זיין שווייגן. ער האט דר זעהען פירענדיג סחורה איז ער צו גיגאנגן צו איין תאגין סחורה אונ זאגט האט רחמנות אונ גיט איין אונגליקליכן מענטשין אנדבה. אונ ווייל די פארער האבן גוט פאר שטאנען דאס ער קוקט אָפעם צו פיל אויף זייערע סחורה האבן זיא אים ניך דר לאנגט ארעכטע מטבע. איז ער

פון זיי אוועק אונ צו גיגאנגן צו די אנדערע פוהר מיט דעם זעלבינג לשון. יענע לייטין אבער האבן אים אויס גילאכט איז ער גילאפן אונ האט אן גיזאגט נאצאלסטווא זיינן דיא פקידים אויף גיפארין אונ מען האט זייא צו גינומען מיט די סחורה. דאן זיינען זייא צו גיפאלין צוא יענעם עני ער זאל זייא וואס העלפין זאגט ער איצטער איז שוין דאס ניט ביא מיר אין האנט. דער נמשל איז דאס. ראש השנה ווערט אויף יעדרין נגזר פיל זיין קאפיטאל זאל ווערין גימינערט אין דעם יאהר. דריבער דר קלוגער אונ פרומער מאן אז עס קומט צו אים איין אָרעמאן גיט ער אים צדקה בכבוד דען ער פאר שטייט דאס וואס איז נגזר גיווארין עס זאל נחסר יוערין פון זיין קאפיטאל מוז דאך גישעהען דרום זאל בעסער נחסר ווערין דורך צדקה. אבער דער וואס וויל דעם אָרעמאן ניט הערין אונ ניט זעהען ביא אים גייט אוועק יענע בעשטימטע געלט אויף דאקטורים אונ אויף צרות רחמנא ליצלן. ווייל דער עני איז מוסר זיין דין צו הקב"ה. אז גאט ב"ה זאגט אונז אן והיה כי יצעק אלי ושמעתי וגו' ווען דר עני וועט זיך פאר מיר קלאגין אויף איך וועל איך אים צו הערן ווארום איך בין איין חנון. דאמאלס לויפט מען צו די עניים דאס זייא זאלין זאגין תהלים. גיין אויפן בית עולם. אבער עס איז שוין דר משפט אוועק גאנץ ווייט צו בית דין של מעלה. איצונד מוז מען שוין האבין אין הימיל גרויסע מליצים אונ הלואי זאל העלפין. דאס זאגט דוד ע"ה אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' וואויל איז דעם וואס ער איז אין תחלת קלוג אונ גיט דאס בעסר דעם אָרעמאן יענער ווייס גאר פון קיין שלעכטעס ניט. ווידער שטייט אין מדרש אויף דעם פסוק וכי ימוך וגו' דאס איז גימיינט וואס שלמה ע"ה האט גזאגט אין משלי מלוה ה' חונן דל וגמלו ישלם לו דער וואס לייט זעליגט איין אָרעמאן הייסט דאס ער אנטלייט צו גאט ב"ה כביכול אונ ער וועט אים באצאלין זיין לוין. דעם ענין פערשטייט

מען מיט איין משל. אנגיד האט גיהאט אין מרחקים צוויא זין. איינער רייך דר אנדערער ארעם. ויהי היום עס האט בעדארפט זיין חופה ביא זיין מוזיניק האט ער גישריבן צו דעם רייכין זון מיט דעם לשון. דו מיט דיין ברודר אויך די גאנצע גיזינד זאלט איר אלע קומען אויף דער חתונה אונ אלע הוצאות וואס לכבוד מיר וועט זיין אויף מיין רעכענונג. וויא דער קצין האט בעקומען דעם בריף איז ער תיכף גילאפן אין קראם אונ האט זיך מיט די וייב אונ קינדער זייער רייך בעקליידעט אויף דעם סמך דאס דעם פאטערס אווארט איז וויא אייזן. בעת מען איז שוין גיזעסין אויף דיא פורין האט ער גישיקט רופין דעם ארימען ברודר אונ האט אים מיט גנומען אויף חתונה אנאקעטין אבארפיסין. וויא זיי זיינען גיקומען נאהענט צום שטאט האט דער קצין גישיקט דעם פאטער אנזאגין פון זיין קומען. איז דער פאטער מיט זיינע מחותנים ארויס גיפארין אים מקבל פנים זיין מיט כלי זמר. דר רייכער מיט זיין פרויא אונ קינדר זיינען ארויס פון וואגען זעהר גיפוצט אונ גיצירט אונ מען האט זיך זעהר גיפרייט איינער מיט דעם אנדערן. מיט אמאל דר זעט מען איינער נייט ארויס פון וואגין אפ גיריסען בארפוס אונ נאקעט. דעם פאטער איז פינסטער גיווארן אין דיא אויגין אונ איז גיבליבין אין גרוים בזיונות אז די מחותנים האבין זיך דר וואוסט דאס ער איז זיין זון. אז דר רייכער זון האט נאך דר חתונה גיבעטין דעם פאטער ער זאל אים אפ געבין זיינע הוצאות וואס ער האט אים פר שפראכין. ענטפערט דר פאטר איך האב דיר נור פאר שפראכין אוועק צו געבין די הוצאות וואס דוא וועסט אויס געבין פון מיין כבוד וועגן. אונ ווען דו וואלסט עס גמיינט ווירקליך פון מיין כבוד וועגין וואלסטו דאך גידארפט דיין ארימען ברודר אויך פקליידין אונ בעניי'ען נאך מיין כבוד נאך אונ ניט ברייננגען אים נאקעט אונ בארפוס. לכן זעהט מען דאך אז דוא האסט עס ניט גימיינט פון מיין כבוד וועגין נור פון דיין הנאה וועגין אליין. על כן דארף איך דיר ניט אום קערין דיינע הוצאות. דער נמשל איז אזו. הקב"ה האט אונז פערשפראכין לוו עלי ואני פורע דאס הייסט אלע הוצאות וואס מיר וועלין אויס געבין לכבוד שבת ויום טוב וועט זיין אויף זיין רעכענונג. אויך זאגט די גמרא אין ביצה כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה חוץ מהוצאות שבתות וימים טובים נור עס וועט זיך אויב מען איז מהנה דעם ארעמאן אויך דער פון. דאן הייסט דאס לכבוד דעם בורא יתברך אונ ער באצאלט אים דאפיר ביז איין פרוטה. אבר ווען אליין עסט מען אונ מען טרינקט אונ אן דעם ארעמאן פר געסט מען גאר דאן הייסט דאס ניט פון גאטס כבוד וועגין נייערט פון איינענע הנאה וועגין אונ אזעלכע הוצאות האט שוין ניט צו הקב"ה וויא ישעיה הנביא זאגט הלא פרוס לרעב לחמך וגו' ומבשרך לא תתעלם וגו' וקראת לשבת עונג וגו' אז תתענג על יי וגו' והאכלתיך נחלת יעקב אביך דאס הייסט אז דוא וועסט געבין פון דיין ברויט דעם הונגריגין וועסטו זיך דאמיט פון דיין אייגענעם קערפער אויך ניט פר הוילין כלומר דאס וועט זיין אטובה פר זיך זעלבסט. דען אזו איין עונג שבת הייסט דאס פון גאטס וועגין אונ דרום וועל איך דיר געבן עסין דעם ערבטייל פון יעקב אבינו היינו עשירות אן אשיעור כי פי יי דבר וייל איך גאט האב דיר אליין צו גיזאגט. דאס מיינט דר פסוק מלוה יי חונן דל היינו דער וואס לייט זעליגט איין ארעמאן הייסט דאס ער האט אנטליען דעם בורא ית' אונ די פעולה איז וגמולו ישלם לו אפילו זיין לוין כלומר וואס דער עשיר האט פאר צערט אויף זיך אליין באצאלט אים אויך הקב"ה צו ליב דעם עני:

וכי ימוך וגו' והחזקת וגו' וחי עמך דער מדרש שרייבט קהלת האט גיזאגט ואבד העושר ההוא בענין רע דאס איז גימיינט דר עשיר וועט פאר לירין זיינע עשירות פר וואס ער האט איין מאל שלעכט גיענטפערט דעם ארעמאן היינו ער זאגט. ער עסט אונ הארעוועט ניט. זעט

וואס פאר אקארק ער האט וואס פאר דיקע פים.
זאגט הקב"ה לא די וואס דוא גיבסט אים גאר
ניט נייערט דוא גיבסט אים נאך איין עין הרע
אויף דאס וואס איך האב אים גיגעבין דרום
שטייט ווייטער אין פסוק והוליד בן ואין בידו מאומה
דער עשיר וועט גיבארן אזון אונ וועט קיין
עשירות איבער לאזין פאר אים נייערט איין
פעלער (מאומה איז גלייך אז מום). דרום פאר
זאגט משה די ישראל כי ימוך וגו'. דיא כוונה
פון מאמר איז אזו מען זעהט דר בורא יתברך
האט פאר זארגט אונ צו געטיילט תענוג פאר
יעדערין אין זיין אופן. דער עושר האט
תענוג פון זיינע עשירות פון זיין נוטין לעבין
אונ פערגעניגן אונ דער ארימאן מיט דעם
וואס פעלט אים אונ נאכהער בעקומט ער
עפעס. צום ביישפיל ער איז הונגעריג
בארוועס. פאר פרארין. אונ בעת הקב"ה
שיקט אים צו אנאנציין לאבין ברויט. אשוך.
אקלייד. אוואגין האלץ. ער עסט אפ זאט
אונ דר ווארימט זיך מיט זיין גיזינד. דאן איז
גרויס זיין שמחה. אונ אפט האט דער עני
גיכער תענוג פר דעם קצין ווייל זיינע שמחות
בשטייען נאר אין קלייניקייטין אונ אזעלכע
מאכט זיך אפט. אבער דער קצין ער קוקט
גאנץ הויך נוא וואו קען מען דאס אלע ווייליע
בעקומען אזעלכע זאכן. בפרט איין בעל תאוה
ובעל גאוה וויא עס דר גייט אים ניט אזו גוט
וויא ער וויל דאן גייט אים שוין קיין זאך ניט
איין אונ אלע עשירות ותאות זיינען ביי אים
גירעכינט כלא. וויא מיר גיפינען המן הרשע
האט גיזאגט וכל זה איננו שוה לי וגו' דאס הייסט
וויא נור איך דר זעהע דעם אידין מרדכי
האט שוין קיין שום זאך ביי מיר קיין בעטרעף
ניט. על כן קען זיין איין ארימאן מיט דיא
מדת ההסתפקות זאל אמאל אסך שענער
אויס זעהן פון בעטיל ברויט מיט וואסר אז
דר קצין מיט זיינע פיל מאכלים. אומגליקליך
איז נור דר גבירעשר מאגין אונ בעטלערשע
קעשינע. היינו איזהו אדר דר בן גביר וואס
איז גיבליבין ארעם ער איז גיוואוינט אויף
גוטעס אונ האט ניט דאס איז דר גרעסטער
פעלער. דאס מיינט אונזר מדרש. דו זעהסט
אמאל דער עני זעהט אויס גאנץ גוט
רעכינסטו געוויס דארף ער ניט. ער האט גינוג
אונ גיבסט אים ניט דן לכף זכות פיליכט
איז דאס ווייל ער איז ניט וויא דו. ער נעמט
אן אלעס פיר גוט נייערט דו גיבסט איין עין הרע
זיין גוף פר וואס איך האב אים גיגעבן איין
נאטור אלס דינג צו קענן פר טראגין אונ זאל
האבן הנאה פון וואס ער וועט נור באקומען
צום לעבן דרום וועל איך מאכן דאס פון דיר
וועט קיין איינעם בלייבן פר דיין זון אונ קיין
נאטור צו קענן אלין דינג פערטראגין וועט ער
ניט האבין דאס איז איין גרויסר פעלער פר
איין ארימאן. דרום זאגט משה צו די ישראל
כי ימוך וגו' וחי וגו' ווען דיין ברודר ווערט ארעם
גיב אים צום לעבין אונ קלער אים ניט
נאך. דאן צוא ליב אים וועסטו מיט דיינע
קינדער אויך האבין צום לעבין:

## פרשת בחקותי

אם בחקותי תלכו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם וגו'
אויב. איר וועט גיין אין מיינע גיזעטצע וועל
איך געבן אייערע רעגין אין זייער צייט אונ
די לאנד וועט געבין אירע פרוכט. דער כלל
איז אזו גוט וויא אין דיא וועלטליכע עסקים
מוז מען היטין עס זאל אלעס זיין מיט איין
סדר אונ אויב מען היט ניט אפ ריכטיג אין
דר מאס אונ מען שווינדילט ווערט פר דארבין
דר עסק. אזו איז אין אלע תענוגים פון עוה"ז
אין דר מאס איז גוט אונ מער איז שלעכט.
וויא דיא חכמים ז"ל דרשנן אויף דעם פסוק
טוב מאד. טוב (גוט) דאס איז דער מלאך פון
לעבין. דאס הייסט אויב מען בענוצט פון די
וועלט נור פיל נייטיג איז צום לעבין. אבער
מאד אויב מען בענוצט זייער היינו צו פיל אונ
מותרות דאס איז דר מלאך המות. אזו איז
אויך מיט דעם דרך התורה והמצות. עס מוז
אלין זיין גיטאן מיט איין ריכטיגע מאס אונ
ווען מען איז משנה איז אפט ערגער אידער

מען וואלט געהאט נאר נישט געטאן . דער פסוק דער ציילט אין איוב ויהי היום ויבאו בני האלהים להתיצב על ה' ראש השנה זיינען געקומען פארין כסא הכבוד די מלאכי מליצים וואס ווערין באשאפין פון די מצות מקיימין זיין פאר אידין ויבא גם השטן בתוכם אין מיטין האט זיך אריין געמישט דער שטן און האט דער מיט נופא אדרבה מקטרג געוועזין . ער האט באוויזין דאס די מצות האבן זיי געטאן ניט ריכטיג וויא מען דארף און כמעט איז דאס גאר צו רעכענען פאר עבירות . און דאס איז ידוע אז דער בורא יתברך איז זיין הנהגה מדה במדה . דרום אויב מען קוקט נאר ניט אויף תורה ומצות שטייט ועצר את השמים ולא יהיה מטר עס וועט קיין רעגין זיין . אבער ווען כלומרשט מען לערינט מען איז פרום אבער רק מיט פניות און מען טוט די מצות ניט וויא מען דארף . ניט אין זייער ריכטיגער צייט און ניט אין ריכטיגין ארט וכדומה דאן רעגינט אויך אין דעם אופן . היינו דאכט זיך עס רעגינט אבער ניט אין דער צייט ניט אין דר מאס און דער רעגין איז ח"ו גאר אחרון . וויא ישעיה הנביא זאגט והארץ חנפה תחת יושביה כי עברו תורות חלפו חוק וגו' כלומר ווייל זיי פאר ביטין דאס געזעץ פון דעם סדר און כוונה פון תורה ומצוה און טוען פאלש מעשה חונף דרום איז די לאנד אויך פאלש מעשה חונף . דאכט זיך עס גייט רעגין . עס וואקסט תבואה . אבער עס איז קיין מזל ברכה ניט . דער יקרות שטארקט זיך פון טאג . נאר ווען קען דאס אלין רעכט ווערין ווען מען איז זיך משתדל צו לערנין און מצות טאן לשמה ריכטיג וויא מען דארף . דאס לערינט אונז די תורה אם בחקותי וגו' וויא רש"י מאכט שתהיו עמלים בתורה היינו אויב איר וועט זיך מאטערין אין דער תורה לשמה און מקיים זיין מצות ריכטיג דאן וועל איך געבין אייערע רעגין צו דר רעכטע צייט און די ערד וועט געבן אירע פרוכט מיט מזל ברכה . דר מדרש שרייבט תני בשם רבי שמעון בן יוחאי הככר והמקל ירדו כרוכים מן השמים כו' מיר האבן געלערינט אין דעם נאמען פון רבי שמעון בן יוחאי פון הימל האבין אראפ גענידערט איין לאבין ברויט מיט איין שטעקין צו זאמען געבונדין . גאט האט אזו געזאגט צו די ישראל אויב איר וועט היטין די תורה דא האט איר דעם לאבין ברויט צום עסין . ווען ניט איז דער שטעקין צו שלאגין אייך . גרונטיג צוא פארשטיין דעם מאמר וועלין מיר מקדים זיין איין קורצין משל . איין געזעלשאפט זיינען געזעסן ביי איין טיש . פלוצלונג האט איינער פון זיי אן געהויבן צו שרייען בריד"ר לאמיר גיכער לויפין ווארום די שטוב שאקילט זיך ארום און קיין ספק דאס זיא פאלט באלד איין . האבין זייא אלע אן געהויבין לאכין . משוגענער די שטוב איז פעסט והראיה מיר זיינען מער פון דיר און מיר פילין קיין ריר ניט . די מעשה איז געווען ער אליין איז געוועזין פר שכורט און פר טומעלט די קאפ האט זיך אים געדרייט אז ער האט ניט געקענט איין שטיין אויף די פיס האט ער געמיינט אז די שטוב איז שולדיג . דר נמשל איז דער רשע געפינט אימער פעלערין אין דר תורה ווייל זיין קאפ איז אים פאר שכורט מיט שלעכטע דעות און תאוות אבער באמת ליגט אין איר כל טוב . און דר גרם פון די רעות וואס מאכט זיך למשל די גאנצע תוכחה פון די סדרה איז נור דר מענטש אליין שולדיג . וויא צוויי עסין איין אכילה איינעם פון זייא פארשאט ווייל ער איז פון נאטור ניט געזונט . און דעם צווייטין קרעפטיגט זיא . אזו וויא דר פסוק זאגט אין הושע כי ישרים דרכי ה' וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם די וועגן פון גאטס תורה זיינען רעכט פארטיג די צדיקים גייען אין זייא זיכער און די זינדיגער ווערין געשטרויכילט אין זיי . היינו די מצות האבן אין זיך זעלבסט איין סגולה דעם צדיק גליקליך צו מאכין און דעם רשע וואס זאגט אז די תורה איז איין משא כבדה מאכט זיא אונגליקליך . אז די תורה הקדושה שרייבט דא אם בחקותי תלכו וגו' ונתתי גשמיכם וגו' ואם לא תשמעו לי וגו' והפקדתי עליכם

וגו' כלומר פון דיא מצות גופא איז דא צוא שעפין גוטעס אונ בייזעס ווייל עס וועגט זיך וויער די מקבלים זיינען . דאס מיינט אונזער מדרש. פון הימיל איז דר לאבן ברויט מיטן שטעקין צו זאמען אראפ . דאס הייסט דיא תורה הקדושה האלט אין זיך איין ביידע ערלייא היינו טובות אונ רעות נאר עס וועגט זיך אן אייך אויב איר וועט מקיים זיין דא האט איר דעם לאבין ברויט ווען ניט ח"ו וועט זיא אשטעקין פאר אייך צו שלאגין :

וזכרתי את בריתי יעקוב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכר והארץ אזכר דא איז קשה ווארום דא אין די תוכחה ווערט דער מאנט די אבות פר קערט . יעקב . יצחק . אברהם . אויך שיקט זיך ניט ווען הקב"ה וועט דער מאנען דעם זיכערהייט פון די אבות נון באדארף דאך שוין גוט ווערן די ישראל . ווארום זאגט ער ווייטר והארץ תעזב מהם די לאנד וועט פון זייא פר לאזן ווערן . דר תירוץ איז מיט איין משל . צוויי יונגע לייט האט מען אן גיחאפט גנבענדיג אונ אז מען האט גוט חוקר ודורש גיוועזן וועגן זיי האט זיך ארויס געוויזן דאס איינעם אפאטער איז אויך גיוועזין כל ימיו אגנב מפורסם דאס גלייכין זיין זיידע אונ אזו ווייטער . אונ דר אנדרער איז גיוועזן גיקנאטין פון אייטיל רבנים אונ פיינע לייטין . האט דר שופט גיהייסין דעם ערשטין באשטראפין מיט ריטער וויא מען באנייט זיך גיוואונליך מיט איין גנב אונ תיכף אים אפ גיפטרת אהיים . אונ דר יחסן האט גילייטין אונ גיליטין פון אים . בייא די זייטיגע מענטשין האט דאס אוים גיזעהען פאר איין נארעשער אונרעכט אונ זיינען גילאפין זיך משתדל זיין פר דעם גנב דר יחסן אונ האבן גיפרעגט דעם שופט . שטייטש דיא ביידע זיינען גלייכע גנבים נון ווארום זאל ער מעהר בשטראפט ווערין אלם יענער בפרט ער איז דאך דר גרויסער יחסן אויך . האט דר שופט זייא גיענטפערט . איר רעט גאר קינדעריש . איר זאלט וויסין זיין דר נאטור פון עלטערין אונ ווער רעט שוין די הנהגה פון די עלטערן זעלבסט ווירקט זייער שטארק אויף קינדער אויך אויף קינדש קינדער בפרט זייער ערציהונג . אם כן יענער וואס ער איז גיבארן פון אזו איין פרדארבענע גזע אמשפחה פון גנבים באנדעס אונ בייא זיין פאטר אין הויז פון זיין קליין וויים אויף האט ער נור גיזעהן אונ גיהערט רק גניבה אונ גזילה . נוא וואס זאל אזעלכער אנדערש טאן אז ניט גנבענן . אפער דר יונגער מאן אזו איין מיוחס . איידיל גיבארן . גוט גיוואקסן אונ ערצויגן . גילערינט גיווארין צו גוטעס . גיזעהען אונ גיהערט נור פון פרייהייט אונ ערליכקייט . ווען אזעלכער איז אגנב דא איז ער גיווים איין העכסט פר דארבענער קעריל פון זיך זעלבסט אונ קיינר האט אין דערין קיין שולד אויסר ער אליין דריבער אים קומט שמיץ אן אשיעור הן פארין פאטער דעם פיינעם מענטשין הן פאר זיין זיידין דעם גרויסן רב . אויך פר זיין עלטר זיידין דעם גאון אונ אזו ווייטר . דאן האבן די אלע לייטן גוט פר שטאנן דאס ער איז גרעכט אונ זיין משפט איז גירעכט . דר נמשל איז פר שטענדיג פון זיך אליין . די מעשה דר פון איז אזו . וויא הקב"ה איז דא מתרה די קינדער ישראל מיט דיא ברענענדיגע יסורים אונ פורעניות וועלכע זיינען גישריבן אין די תוכחה אויף די חטאים זייערע . הייבט ער אן זאגין פיליכט וועט אייך זיין אתמיה אויף מיין משפט אונ וועט פרעגין געווים האבין מיר ניט גיטאן ערגערע מעשים רעים אלם דיא אומות העולם כתים ודודנים . פתרוסים . כסלוחים . וכדומה . נוא ווארום זאלין מיר גישטראפט ווערין מיט אזעלכע פייערדיגע עינוים וועלכע עס איז ניט גהערט גיווארן אויף קיינעם . בפרט מיר האבין יחוס בריף פון אונזערע הייליגע אבות אויך . זאגט השי"ת איך וועל אייך זאגין דעם טעם . וזכרתי את בריתי יעקוב וגו' איך וועל דער מאנען מיין זיכערהייט מיט יעקב מיט יצחק אונ אברהם כלומר טאקי איבער אייערע יחוס גופא קומט אייך מער שטראפן .

---

ערשטינס פארין פאטר יעקב נאכהער פאר דעם זיידין יצחק אויך פר דעם עלטער זיידן אברהם. והארץ אזכור אונ דיא היילינגע לאנד ארין ישראל וועל איך גידיינקען. ער מיינט איר האט זיך אויך גיהאדעוועט אין אזו איין ארט פון רוח הקדש ונבואה. אונ דאך האט איר גיזינדיגט דרום קומט איך דעם פסק אונ מיין משפט איז גירעכט:

ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים וגו' להפר בריתי אתם כי אני ה' אלהיהם איז טייטש אונ דאס אויך אין זייער טאן זיין אין דאס לאנד פון זייערע פיינד וועל איך זייא ניט פאר אכטין צו פאר שטערין מיין זיכערהייט מיט זייא וואָרום איך בין דר האר זייער גאט. די קדמונים פרעגין איין הארבע שאלה. היינו פון לשון ואף גם זאת (אונ דאס אויך) זעהט אוים גלייך אזו וויא דאס איז אויך פורעניות רייד. אונ באמת איז דאך דאס נאר איין נחמה פר ישראל. מיר וועלין דאס אבר רעכט מאכין מיט איין משל. איין שר איז זייער אין כעם גיווארין אויף זיינעם אזון ווייל ער האט אנטקעגין אים שטארק פארזינדיגט האט ער אים פאר שיקט אין איין ווייטע מדינה דאס די לייטין פון דארטין האבן פיינט אפרעמדן מאן בתכלית שנאה. אויך האט ער גישווארן דאס ער זאל קיין מאל צו אים קיין חסד ווייזן נייערט אימער כל מיני אכזריות. מיט דער צייט האט ער דר הערט אז דר זון איז זייער באקעט האט ער אים צוא גישיקט קליידער זייער אטייערן גארניטער. אונ אז מען האט אים גיפרעגט וואו איז דיין שבועה אונ וואס זיינען דיא אכזריות דיינע אנטקעגין זון. ענטפערט ער אט דער דאזינער טייערער גארניטער קליידר איז אשטראפע פר אים. דען ווען ניט זייא קען זיין אפשר וואלט ער זיך שטארין אונ באקומען דארטין קליידער פון זייער מאדע. דאן קען זיין אז מען וואלט אים ניט אזו ניך דר קענען דאס ער איז איין אויסלענדעשער מענטש אונ מען וואלט אים דארטין מקרב גיוועזן. דרום האב איך אים גיבער צו געשיקט די דאזיגע מלבושים פון אונזער פארמע כדי מען זאל אים דארטין גרינג דר קענען אז ער איז אפרעמדער אונ פון וואנען ער איז. דאן וועלין זייא אים אימער פאר האסין אונ פיינט האבין דיא זעלבע וויא פריער. דער נמשל איז הקב"ה האט אויף אונז גוזר גיוועזן מיר זאלין ליידין גלות צווישין כשדים אונ פרס. אזעלכע אומות וואס האבין פיינט איין פרעמדין בתכלית בפרט איין אידין. נאר פילייכט אז מיר וואלטין וועלין ח"ו פאר לאזין די תורה דאן וואלטין מיר אפשר האבין פון זייא התקרבות. דרום זאגט דא הקב"ה אין דער תוכחה איין הבטחה ואף גם זאת וגו' להפר בריתי וגו' כלומר די תורה הקדושה וועט איר ניט פאר לאזין אונ וועט זיך האלטין פעסט אן איר. וויא דער פסוק זאגט אין דברים כי לא תשכח מפי זרעו אונ אזו שרייבט דר ילקוט אויף דעם פסוק ואף גם זאת וגו' וכי מה נשתייר לישראל כו' זו ספר תורה שאם לא היה קים לא היו משונים מכל העמים כלום כלומר, הקב"ה איז אונז מבטיח אז ער וועט ניט פאר שטערין זיין זיכערהייט מיט אונז. נון איז קשה. וואס פאר גוטעס איז אונז דען גיבליבין. אלא בריתי איז גימיינט די תורה וואָרום ווען זיא וואלט ח"ו קיין קיום ניט גיהאט ביא אונז אין גלות דאן וואלטין מיר זיך פרמישט מיט די כשדים אונ בבלים אונ עם וואלט אונז נאר ניט אזו שלעכט גיוועזין. אונ הגם באמת איז דאס אטובה צום נפש. נאר ווייליע פאר אונזערע טונקעלע אויגין זעהט דאס אוים וויא איין רעה דאריבער שטייט דא ואף גם זאת וגו' גלייך אז דאס איז אויך שייך צו די פורעניות פון די תוכחה. השי"ת זאל אונז ווייטער שטארקין אונזערע הערצער אין זיין תורה ומצות וויא דר נביא זאגט לא ימושו מפיך וגו' מעתה ועד עולם:

(בכדי מסיים צו זיין דעם ספר ויקרא מיט דברי נחמות תעלין מיר דא ברייננען דעם מדרש פון סוף ספר):

כל מי שנודר וכו' דר וואס טוט זיך איין נדר

אונ איז מקיים וועט ער זוכה זיין צו בצאלין זיין נדר אין ירושלים. אזו וויא דער פסוק זאגט אין תהלים נדרי לה' אשלם וגו' בתוככי ירושלים הללויה. אויך איז דארטין ווייטער גישריבין הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו. עס איז נייטיג צו פאר שטיין ווען ער האט שוין באצאלט נון ווארום וועט ער ווידער דארפין צאלין אין ירושלים. אויך וואס איז דר מיין מיט דעם פסוק הודו וגו'. דער תירוץ איז. דאס בכלל איז פר האנדין צוויי ערלייא שמחות. ערשטין ווען מען ווערט נצול פון איין רעה דהיינו סען ווערט גיזונד פון אקראנקהייט. בעפרייט פון תפיסה. צווייטינס ווען מען בעקומט אגליק אדער מען מאכט חתונה אקינד. איצונד ווען מיר זאלין בעטראכטין אלע נסים אונ טובות פון ישראל בעולם הזה גיהערין זייא אלע נור צום ערשטין טייל. למשל מיר פרייען זיך אום פסח אז מיר זיינען ניצול גיווארין פון עבודת פרך. פורים וייל מיר זיינען ניצול גיווארין פון המן. אם כן וואלט דאך גלייכער גיוועזין מיר זאלין אין תחלת ניט ליידין דיא רעה אונ נאכהער ניט פרייען זיך מיט דעם נס. אונ דאס איז ידוע אז איין נדר בריינגט מען אויף די הצלה פון אצרה. אז דר מדרש שרייבט מכאן שנודרין בעת צרה אונ איין קרבן תודה בריינגט מען ווען מען בעקומט איין נייע טובה אונ עפעס אגליק. אונ דאס וועט זיין לימות המשיח ווייל דאן וועט קיין רעות גישעהען נייערט אלע וויילע נייע טובות אונ שמחות. אונ דרום זאגין די חכמים ז"ל אלע קרבנות וועלין דאמאלס בטל ווערין אונ אקרבן תודה וועט קיין מאל ניט בטל ווערן. דאס זאגט אונזער מדרש כל מי שנודר ט' דער וואס איז מקיים איצונד זיין נדר ווען ער איז בעפרייעט גיווארין פון אצרה וועט ער זוכה זיין מנדר צו זיין איין קרבן תודה אין ירושלים כלומר אין די צייטין פון משיח וואס דאמאלס וועט נור זיין שמחות פון נייע טובות ווייל דיא קרבנות וועלין נור זיין תודות אזו וויא עס שטייט הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו כלומר ווייל דאמאלס וועט קיין טרויערקייט זיין נייערט אימער חסדים אונ טובות דרום וועט מען דאנקען צו השי"ת מיט קרבנות תודה. וויא ישעיה הנביא זאגט ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברנה ושמחת עולם על ראשם ששון ושמחה ישיגו ונסו יגון ואנחה דאס הייסט עס וועט ניט זיין קיין שמחה דאס מען איז ניצול גיווארין פון טרויערקייט אונ זיפצן. ווייל דאמאלס וועט גאר ניט גיהערט ווערן פון צרות נייערט אימער נייע פרייד פון גליק אונ גוטעס וכן יהי רצון במהרה בימינו אמן:

## הפטרת בחקותי

ארור הגבר אשר יבטח באדם ושם בשר זרועו ומן ה' יסור לבו איז טייטש פארפלוכט וועט זיין דר מאן וועלכר ער וועט זיך פר זיכערן אין אמענטשין אונ מאכט איין בשעפינעש פר זיין שטארקייט אונ פון גאט וועט זיך אפ טאן זיין הארץ. ווען מיר זאלין גוט בעטראכטין אין דעם פסוק קען מען דר פון ארויס נעמען איין נייטיגן ענין וועלכר אנבעלאנגט צו די וויכטיגע מדה פון בטחון. די כוונה דער פון איז צו פאר שטיין מיט איין משל. איין גרויסר דוכס וועלכער צו אים האט גיהערט כמה וכמה שטעט אונ דערפער האט ער אמאל אוועק גישיינקט זיינם אגוטין פריינד אקליין שטעטיל במתנה. דאס צו דיזען מאן זאל גיהערין גאר די הכנסה פון שטעטיל אונ קיין איינער זאל דער צו ניט האבין. בהמשך הזמן האט נאך איינער נושא חן גיוועזן בייא דעם דוכס אין דיא אויגין האט ער אים ארויס גיגעבן איין קוויט דאס ער פטערט אים פון אלע צאלונגען וועלכע ער נעמט בייא זיינע איין וואוינער אין וואס פר איין ארט אים וועט גיפעלן זיין צו וואוינען וואו נור עס איז שייך צום דוכס. האט זיך יענער מענטש אויס געקליבן צו וואוינען אין די שטעטיל פון יענעם גוטן פריינד. אונ אז דר גובה איז גיקומען צו אים מאנען צינזין האט ער גיוויזין דעם קוויט פון דוכס אז ער האט אים בעפרייט פון אלע אפ צאלונגען. וויא דר האר פון שטעטיל האט זיך דר פון דר וויסט האט ער גשיקט רופן דיזען מאן אונ האט צו אים אזו גיזאגט. גירעכט ביסטו

ור האסטו דען ניט געקענט זיך ליבערשט
בעזעצין אין איינע פון די פילע שטעט וועלכע
עס געהערן לחלוטין צום דוכס און גראד האסטו
זיך אויס געקליבן מיין קליין שטעטיל וועלכעס
דר דוכס האט מיר אוועק געשיינקט איין מתנה.
דאס גלייכן איז מיט די מדת בטחון. אונזערע
חכמים זכרונם לברכה לערנן אונז אז מען טאר
זיך ניט פר לאזין אויף איין נס אין ענייני פרנסה
דאס השי"ת וועט אראפ ווארפין פון הימיל
פארטיגע. נייערט מען מוז זוכין אסבה פון
וואנען צו ציען חיות. אמלאכה אדר אגעשעפט
און דר צו האבן בטחון אין הקב"ה אז ער וועט
אים דר פון צו שיקין צום לעבן. אז עס שטייט
אין ספרי אויף דעם פסוק וברכך (גאט וועט דיר
בענטשין) יכול יהיה יושב ובטל דאס טייטש דר פון
וועל איך אפשר מיינן אפילו ווען מען זאל זיצין
ליידיג וועט ער אויך צו שיקן פרנסה תלמוד לומר
דרום שטייט ווייטר בכל אשר תעשה דווקא אז דו
וועסט וואס עס איז טאן. אויך שרייבט די גמרא
אין ברכות הרבה עשו כרבי שמעון בן יוחאי ולא עלתה
בידם פיל האבן געטאן וויא רבי שמעון בן יוחאי
היינו וויא האבן זיך סומך געווען אויף אנס אין
דאס וואס איז נוגע צוא חיות. האבן זייא גאר
נישט אויס געפירט. נאר מען מוז זיך בותר זיין
אין אזו אמין סבה וואס היינגט ניט אפ אן
אמענטשין ווייל קיין זאך אין דער וועלט האט
קיין איינגענע בחירה ניט אחוץ דער מענטש.
אים איז איבר געגעבן געווארן די בחירה אין זיין
האנט ער קען טאן וויא ער וויל דרום הייסט
דאס ניט ער האט בטחון אין הקב"ה נייערט אין
דעם מענטשין וואס ער מאכט אים פאר איין
מיטעל צו זיינע חיות. צום בייא שפיל יענער
מיט זיין קליין שטעטיל וואס דר דוכס האט אים
איבער געגעבין אין זיין רשות. דא האט קיין
איינער ניט אין זיין גבול אריין צוא קריכין און
עפיס אים איין צו ווענדן. און דרום איז יוסף
הצדיק געשטראפט געווארן מיט נאך צוויי יאר
תפיסה ווייל ער האט געמאכט איין מיטעל צו זיין
בעפרייאונג פון געפיינגענים איין מענטשן. היינו
דעם שר המשקים און ניט איין אנדר סבה (אזו
שרייבט דר מדרש אין פרשה מקץ). נאך מער
נארעשקייט זעט מען אין דר וועלט. איינר איין
גרויסר פעהיגער און איין קלוגר מאן וואס ער
פאר שטייט גוט געשעפט. שטעלט ער זיך פאר
איין דינער אין איין געשעפט בייא אזעלכן וואס
ער אליין ניט ער פר שטייט און ניט ער טויג
צו דעם עסק. און דאס לייגט ער זיך ניט איבר
ער זאל עפעס אליין אן הייבין בויען איין עסק
און האבין בטחון אין השם יתברך דאס ער
וועט אים שפייזין פון זיין האנט און אזו לעבין
זייא אפ זייערע יארין אין שעבוד און דחקות
וויא דר שטייגער איז אין אונזערע מדינות. דאס
רוב וויכטיגע מענטשין דינן בייא אונמענטשין
איין היפך כוונת השי"י אז עס איז געשריבין כי לי
בני ישראל עבדים דרשנען דיא רבנן אויף דעם ולא
עבדים לעבדים דאס הייסט הקב"ה זאגט אלע זיינן
מיינע קנעכט דרום וויל איך ניט ליידין דאס
איין קנעכט זאל זיך פר קויפין צו דעם אנדערן
קנעכט. דאס מיינט דר פסוק פון אונזר הפטרה
ארור הגבר אשר יבטח באדם פערפלוכט איז דער
וויכטיגער און טויגליכער מאן וואס ער האט
בטחון צו בעקומן זיינע חיות דורך איין פראסטן
מענטשינס האנט. נאך מער ושם בשר זרועו זיין
גאנצע שטארקייט צו פרנסה מאכט ער איין
פראסטע בעשעפעניש דאס הייסט איין נידעריגן
מענטשין. ומן יי' יסור לבו און פון גאט ברוך
הוא טוט זיך אפ זיין הארץ כלומר ווייל זיין
בעל הבית האט דאך איין איינגענע בחירה און
וויא ער וויל אזו קען ער מאכין מיט אים.
דרום הייסט דאס ניט קיין בטחון אין הקב"ה
נייערט בטחון אין איין מענטשין חלילה. והיה
כערער בערבה ולא יראה כי יבא טוב ער איז געבאך
אימער וויא איין פאר טריקענטער בוים אין
דער וויסטע. דען אין דיא בעסטע צייטין
פון געשעפט פילט ער קיין בעסערקייט אלס
נור זיינע שכירות. ברוך הגבר אשר יבטח ביי' וגו'
והיה כעץ שתול על מים וגו' ולא ימיש מעשות פרי
געבענצט איז יענער וואס האט בטחון אין
גאט ב"ה און לעבט פון איין איינגענעם עסק
ער איז געגליכין וויא אבוים איין געפלאנצט
בייא דעם וואסער ער וועט ניט אויף הערין
צוא וואקסין גוטע פירות: